STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12060

LIDER FUN TOG

Moisei Pinchevskii

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. פינטשעווסקי

לידער פון טאָג

מעלוכישער נאצמינדפארלאג
באם פרעזידיום פון וווציק

כארקאָוו — 1932 — קיעוו

Бібліографічний опис цього
видання вміщено в „Літопис-
Українського Друку“, „Карт-
ковому Репертуарі та інш
показниках Української
Книжкової Палати

פאראנטוו. רעדאקטער — קאמענשטיינ
טעכנישער רעדאקטער — ד. ליומקיס
קאָרעקטירט — מ. שטורמאנ
הילע געצייכנט — ע. איידלמאנ
אָפּגעגעבנ צומ זאצ 2־IV
אונטערגעשריבנ צומ דרוק 10־VII

אלוקר. פּאָליגר. פארייניקונג.
25־טע דרוקערײַ , בערדיטשעוו
באַשט. 2466. 2000 עקז. 3,5 דר. בויגנ
אוקרליט נומ. (485) 1140 שטאטליט נומ. 472
VII־20 1932 י.

יעדער טאָג איז א שטיק פונ יאָרהונדערט ;
יעדער טאָג איז אליינ אנ עפּאָכע !

איציק פעפער

לידער, וואָס מיר זינגענ

לידער, וואָס מיר זינגענ
זײַנענ ניט קײנ ניגנ;
זײַנענ קופּער־רינגענ
אינ דער קײט פונ זיגנ!

מע קאָנ בא אונדז ניט זינגענ
קײנ לידער אינ דער וועלט;
ווײַל זינגענ זינגט א זיגער,
אונ זינגענ זינגט א העלד!

און אז מיליאָנען העלדן,
און אז דער שטאַרקסטער כאָר,
אין אָקטיאַבער־פײַער —
ליד פון דריטן יאָר, —

זאָלסטו, כאַווער, זאָגן,
און דערציילן, כאַווער —
וואָסער רעכט פאַרמאָגסטו
זינגען אין אָקטיאַבער?

עס פרעגן די מיליאָנען,
און ס'פאָדערט לאַנד אַן ענטפער:
ביסטו אויך אַ פראָנטן
אַ קעמפער צווישן קעמפער?

סאָנים קרעמפּן פויסטן
סאָנים שאַרפן שווערדן,
ווײַלע אונדזער פינפיאָר
שטורעמט אַלע ערדן!

ווײַלע אונדזער גרויסער זיג
אונטער לענינס פאָנען,
ברענט אַף גאָרער וועלט
אין הערצער פון מיליאָנען!

קרעמפּן פײַנט די פויסטן,
שאַרפן פײַנט די שווערדן, —
וואָס־זשע, וואָס־זשע, כאַווער,
האָט דײַן ליד אַ ווערט דען,

אויב האָסט בראַק געשאַפן,
אויב געגאַן ביסט ליידיק,

אויף פאַר אינדפינפלענער
האָסטו ניט געוויטיקט!

אַף צעוויגטע גאַסן
אויפגעבריזט פון קעמפער —
פון מיליאָנען מײַלער
שטורעמט אויס איין ענטפער:

— מיר זינגען, ווײַל מיר האָבן
אויסגעבויעט ריזן!
ווײַל דאָס יאָר מיר ענדיקן
דעם גרונט פון סאָציאַליזם!

מיר זינגען, ווײַל מיר גייען
אין ווײַטערדיקע שלאַכטן —
פאַר אײַזן, שטאָל און לעדער,
פאַר קאָלווירט און שאַכטע!

פאַר דעם נעגער־ברודער,
פאַר כינעזער־כאַוועך,
וואָס פאַרגיסן בלוט —
פאַרן וועלט־אָקטיאַבער!

לידער, וואָס מיר זינגען,
זײַנען ניט קיין ניגון;
זײַנען קופּער־רינגען
אין דער קייט פון זיגן!

ניטאָ אזא פעסטונג!

מיט ליכטיקע ווערטער,
מיט מוטיקסטע פערזן,

כ׳וועל אײַך הײַנט, ברידער,
כ׳וועל אײַך, מיליאָנען—
באזינגען:
—„ניטאָ אזא פעסטונג,
אזעלכע פעלדונג,
וואָס באָלשעוויקעס
זאָלן ניט קאָנען
באזיגן!״

איך שווער:
אָט דידאָזיקע ווערטער געציילטע,
וועלן דער קאָפּ זײַן
פון נײַער געשיכטע,
פאר דוירעס באפרײַטע!
זינגער!
אָ, איר פון אָקטיאבער דערוויילטע!
אָ, גליקלעכסטע דיכטער—
פון צײַטן!
לאָמיר דידאָזיקע ווערטער—
ווי פערזן,
פאר דוירעס גראווירן,
אין אונדזערע פעלדונ—
אין ביכער!

*

...בילדער אף אייל:
אין געפלעקט־ווײַסע פעלצן,
מיט סצעפּטערס, און אָדלערס,—
די צארן אף טראָנען
געשטיגן!

—ניטאָ אזא פעסטונג,
אזעלכע פעלדונג,

וואָס באָלשעוויקעס
זאָלן ניט קאָנען
באַזיגן!

..פארלאָפענע בלוטיקע אָדערן —
רעלסן,
וואָס האָבן געטראָגן
אף זיך עשאלאָנען, —
דעניקינ!

— ניטאָ אזא פעסטונג,
אזעלכע פעלזן,
וואָס באָלשעוויקעס
זאָלן ניט קאָנען
באַזיגן!

...פעלדער און שאכטעס
און דאָמנעס, וואָס שמעלצן
גאָלד פאר די רײַכע,
און טויט פאר מיליאָנען —
ערד און פאבריקן!

— ניטאָ אזא פעסטונג,
אזעלכע פעלדזן,
וואָס באָלשעוויקעס
זאָלן ניט קאָנען
באַזיגן!

...פליכיקע שארבנס
אף שמאלציקע העלדזער:
די קופּאָלס אף קלויסטערס
מיט גילדענע צלאָמים, —
רעליגיע!

— ניטאָ אזא פעסטונג,
אזעלכע פעלדזן,
וואָס באָלשעוויקעס
זאָלן ניט קאָנען
באזיגן!

*

און האָט מען געשווירן
דעם פאָלק
און דעם פירער,
אז שטורמען
מיר וועלן
דעם פינפיאָר
אין פיר יאָר,
איז—שטורמען!

ס'איז מעגלעך?—
עס איז!
ווייל ארץ איז קראפט —
פארמאָגן מיר ארץ!
און ברויט איז קראפט—
פארמאָגן מיר ברויט!
און קויל!—און נאפט!—
דאָנבאס!—אוראל!—טיפליס! —
מורמאנ!———

און האָט מען געשווירן,
איז—שטורמען!

*

אז קראפט איז דאָ,
און רייכטימער הויערן—

איז וואָס־זשע נאָך
דאַרף מען?
— מע דאַרף אַזאַ מאַכט נאָך,
וואָס שליסט אויף די ערד,
און אוצרעס זי מאַכט אויף —
פאַר דיר, פאָלק, —
צו זעטן!
פאַר דיר —
דאָס ברויט!
דאָס מעש!
דאָס שטאָל!
קויל!
גראַניט!
מאַרגאַנץ!
און וואָל!

פאַר דיר —
דאָס ליכט!
די קונסט!
דער גלאַנץ!
בוך!
קינאָ!

צי האָבן מיר אַט אַזאַ מאַכט?

— יאָ!
— סאָוועטן!

*

איז וואָס־זשע נאָך
דאַרף מען?

— מע דאַרף,
אַז מיליאָנען
זאָלן אַ גרויזאַמען רוף טאָן
צו סאָנים:
— יעדע שאָ
און מינוט, —
אונדזער קאָפּ,
אונדזער בלוט, —
גרייט אין שלאַכט,
פאַר אונדזער מאַכט!

צי גרוילט אין לופט
אַזאַ מין רוף?

— ער גרוילט!

צי הערט
די ערד
דאָס ליד,
וואָס יערט
אין אונדזער הייס
מיליאָנען־מויל!

זי הערט! זי הערט!
זי זעט! זי זעט!
דאָס שאַרפע געווער
פון סאָצגעוועט!

אַ מאַכט אַזאַ, —
נאָך דען פאַראַן,
ווו מיליאָנען, — אַזוי טריי, —
מיט אָנקעגנדיקן פּלאַן,
מיט צעוויכערט שלאָגלעריי ?!

איז וואָס־זשע נאָך
דארף מען?

— א פארטיי!
א קאפיטאן!
פארהארטעוועט
אין שלאכטן־בלוט,
קעגן קאפיטאל!

פארבראָנזעוועט
מיט פראָנטן־זיג,
קעגן זײַן לאקיי!

א פארטיי! —
א געאײנטע! א געקרעמפּטע!
א געפּרוּווטע אין געשלעגן!
אז זי זאָל מיליאָנען קעמפער
קענען פירן אפ דעם וועג!

צי האָבן מיר
אזא פארטיי?

— יאָ, מיר האָבן!
קען זי פירן אונדז
צו לאָרבן?

יאָ! זי קען עס!

די פּאַרטיי —
איז לענינס!

יעדער ציין־געקריץ
און קוויטש —
פון ניו־יאָרק און ביז פּאַריזש:
טשערטשיל, פּואַנקאַרע און פיש, —
יעדער בריל און שוים אַף ליפּ,
לינקער קנייטש און רעכטער כליפּ,—
איידעס זאָגט:
אין יעדן זיג איז
די פּאַרטיי פון באָלשעוויקעס!

*

איז וואָס־זשע נאָך דאַרף מען,
איז וואָס־זשע נאָך דאַרף מען,
אַז ברייטער—דער טראָט,
און גרעסער די ווערק,
און זאַטער
דער שלונג פון דער דאַמנע,
און שאַרפער
די דרויבל־מאַשין
אין די קוילענע בערג?

— מע דאַרף,
אַז דער פירער
פון שאַכטעס,
זאַוואָדן,—
מיט וואָפן פון טעכניק
זאָל זיין אָנגעלאָדן!
פיל—
זיינען עס ניט!

פיל האָבנ ביז איצטער
געמיינט, אַז צו פירנ,
דאַרפ מענ נאָר קענענ
באַזיגלענ פּאַפּירנ,
און — קוויט!

עס קאָנ דאָכ
קיינ בלינדער
ניט פירנ
אַפ טראַקטנ!
און דער —
וואָס ער פירט
זײַנע צעכנ
אינ שלאַכטנ,
אַפ שטורעמ —
וואַרשטאַט און מאַשינ, —
ער קאָנ די מאַשינ ניט! —
און קאָנ ער דעמ צעכ ניט, —
אַז וויי צו דעמ קריגער
אָנ וואָפנ פונ טעכניק! —
— אימ שלאָגט
אַ ראַמזינ!

איז לערנענ
די טעכניק
פונ בויערס
און ווערקער;
אינ רויש —
די מאַשינ,
און אינ אָטעמ — דערקאָנענ
דעמ טיגל!

— ניטאָ אזא פעסטונג,
אזעלכע בערג־הייך,
וואָס באָלשעוויקס
זאָלן ניט ניט קאָנען
באזיגן!

— לאנגזאמער?
— ניין!
פאָרויס און צעמונטערט!
מיר ווילן שוין מער ניט
פארבלייבן ארונטער!

דעריאָגן!

פארבליבענע
שלאָגט מען
און טרעט מען
ווי שאָלעכצן!
מיר ווילן ניט מערער,
אז טרעטן
מע זאָל אונדז,
און שלאָגן!

עס האָבן געשלאָגן
מאָנגאָלישע כאנען;
עס האָבן געשלאָגן
די פוילישע פאנען!
און טערקישע בעקן!
עס האָבן געשניטן
די לאָנדאָנער לאָרדן;
באראָנען פון טאָקיאָ

האָבן געמאָרדן!—
ס'וועט קלעקן!

ניט בלייבן ארונטער —
געפּלעפּטע און טעמפּע!
מיר האָבן א וואָפן:
דער וואָפן הייסט—טעמפּן!—
פון ריזן!

איז — ריזן!
צום וואָפן!
און—יאָג,
און — דעריאָגן!
און — העט!
און — אריבער!
צו נייע פּאַרטאָגן! —
פון סאָציאַליזם!

טעכניק און טעמפּן!
און טעמפּן און טעכניק!
אז אונדזער יאָרצענדליק
זאָל גיין אין פאַרמעסטונג
מיט הונדערטער יאָרן
פון אונדזערע סאָנים,—
און — זיגן!

— ניטאָ אזא פעלדז
און ניטאָ אזא פעסטונג,
וואָס באָלשעוויקעס
זאָלן ניט קאָנען
באַזיגן!

מיט ליכטיקסטע ווערטער,
מיט מוטיקסטע פערזנ,
כ׳וועל אײַך, הײַנט, ברידער,
כ׳וועל אײַך, מיליאָנענ,
באזינגענ!
—„ניטאָ אזא פעסטונג,
אזעלכע פעלדונג,
וואָס באָלשעוויקעס
זאָלנ ניט קאָנענ
באָזיגנ!‟

איך שווער:
אָט דידאָזיקע ווערטער געצײלטע,
וועלנ דער קאָפּ זײַנ
פונ נײַער געשיכטע,
אונ וועלנ די אלטע,
פארוועלקטע,
פארגעלטע—
פארכוואליענ!

דאָס זײַנענ די ווערטער
פונ דעמ, וואָס ער פירט אונדז
צו זיג דורכ שטורעמס,
געשלעגנ
אונ וויכערס,—
דאָס זײַנענ
די ווערטער—
פונ סטאלינ.

עס פעלן צוויי מיליאָן
פאַר הענט!

פון דריטן יאָר —
דער ערשטער קווארטל!

האָסט לענדן שוין געגארטלט,
בריגאדיר! —
פארן פינעפיאָר אין פיר?

דאָס דריטע יאָר
געקומען איז
מיט אקסלען,
באקנס,
ברוסטן,
פיס.

אזא מיך יאָר!
אזא מיך ריז! —
דאָס דריטע!
ציטערט, סאָנים ציטערט!

היי, פײַנט!
איר האָט דאָך ערשט
נאָך הײַנט,
ווי מאָרגן און ווי נעכטן
צו אײַערע פיסקעס
ווערעמדיקע —
צוגעלייגט די פינגער לעפקע,
און פון לאָנדאָן
ביז פאריז,
ביז אמעריקע, —
איר האָט געשטיקט זיך
פון געלעכטער:
— פיאַטיליעטקע!...

איר האָט אזויפיל אָנגעלאכט
מיט גיפטיקן
געלענדער;
איר האָט אזויפיל אָנגעהירזשעט —
ביז געפּלאַצט
און ביז געקראַכט
האָבן אזש אין אלע לענדער
אײַערע בענק און בירזשעס!

זאָג זשע, זאָג זשע,
וואָלסטריט[1], דו,

[1] ניו־יאָרקער בירזשע

און דערציילט זשע, .
סיטי! (1
אין די צוויי
פון פינעף יאָרן —
וואָס זשע איז
בא אײַך געוואָרן
מיט אײַער פּראָספּעריטי? (2

איר האָט פאר איר
אף יעדן מארק
קעפּ פון שטרײַקער אָפּגעווארגט!

איר האָט פאר איר
געשיקט אין קריג
יונגע ארבעטער —
און קריק
אהיים — מיט פּיס פון קוליעס!

איר האָט פאר איר
די דלאָניעס
אָפּגעקויפט בא קולים (3

איר האָט געקעכלט זי
אין בלוט
פון לענדער און קאָלאָניעס!

און עס האָט איר
יעדער פעמפּיק
אָפּגעשפּראָכן
א גוט־אויג:

1) לאָנדאָנער בירזשע 2) שעפע.
3) כינעזישע פארשקלאפטע שווארצארבעטער.

— טפו! טפו! טפו! —
דעמפּינג!

נאָר דער שפּרוך
האָט ניט געטויגט!
עס שטינקט געווײַלע
אויסגעמישט
מיט ווײַרעכ־רייעכ! —

אפ א שווארצער מיטע
מיט ווײַסנ האפט
אונ צאצקעס
ליגט די פּראָספּעריטי,
אונ צוקאָפּנס —
זיי:
די געלע
באוערס אונ קאוטסקיס! [1]

אָט דעריבער פרעג איכ:
— בריגאדיר!
אינעם ערשטנ קווארטל,
האָסטו לענדנ שוינ געגארטלט
פארנ פינפיאָר אינ פיר?

מע דארפ
א גרויסע ארבעט טאָנ! —
אונ ס'פעלנ
צוויי מיליאָנ
פאָר הענט!

1) פירער פונ מענשעוויקעס.

פון שמידן
פון שטאמפּאָווטשטשיקעס,
פון ציגל־קנעטער —
פאַר בעטאָן!
פאַר ווענט!
פאַר אײַזן און פאַר ברעטער! —
וואָס העכער,
און וואָס ברייטער אַלץ,
און ברייטער!

— מיר וועלן גיין
מיט זון,
מיט ווײַב,
מיט קינד און קייט,
מיט שוועסטער
און מיט טאָכטער!

צוויי מיליאָנען
גרייטע הענט,
ווי זעגלען
אָפּגעפּאָכטע!

דו, וואָס שרײַבסט געשיכטע:
נעם, פאַרשרײַב!
— מיט זון!
מיט ווײַב!
מיט שוועסטער,
און מיט טאָכטער!

און וועט מען
דאַרפן נאָך —
איז נאָך דאָ!

דאָס „דריטע״

וויפל ט'לאָזט
מײַנ כויוו מיכ רוענ!
אָט אזויפ'ל ווי איכ;
אונ מײַנ רו,
ווי די פונ זונ
אינ קורצע זומער־נעכט,
כ'ווארט ניט,
אז דאָס דריטע יאָר
זאָל קומענ
מיטנ לעב.
דאָס דריטע פונעמ פינפיאָר
פונ קאמפ
אונ פונ געפעכט!

איכ ווארט ניט,
אז דאָס דריטע יאָר,
זאָל קומענ
מיטנ הארבסט —
דאָס דריטע
פונ דרײַפאכנ דראנג,
פונ דרייסטקײַט
דרײַ מאָל דרײַ!
עס ווארט
דאָס דריטע יאָר
אפ מיר!
אונ האָט מײַנ מי
באַהארצט —
פונ פעווראל נאָכ,
אונ פונ מארט,
פונ אפריל,
אונ פונ מײַ!

כ'האָב געהערט שוינ
אינ מײַנ לעבנ
וויפל מאָל די גרויל;
כ'האָב געזענ,
ווי מענטשנ שטארבנ,
פאָרלעכ־פאָרלעכווײַז;
כ'האָב געהערט,
ווי איבער שארבנס
האָט געפײַפט די קויל, —
האָט עס מיכ ניט אָפגעשראָקנ,
ווי דער — דורכרײַס!
דורכרײַס —
הייסט ווייניק שטאָל;
הייסט ווייניק דאמפ

און ארצ!
דורכרײַס —
הײסט װײניק טעמפ;
הײסט שװאכער מוט
און הארצ!
צי איכ ארבעט
בא װאגראנקעס,
צי איכ שנײַד דעמ שניט,
צי איכ שטאמפעװע די לעדער,
צי איכ בױ א שול —
אפ די פראָנטנ
פונ ניצכוינעס,
איז דאָרט אויכ —
מײַנ שריט!
אָבער װערט א פראָנט צעריסנ —
איז דאָרט אויכ —
מײַנ שולד!
כ'האָב אזױ אזױפיל שולדנ!
איכ װעל צאָלנ טרײַ!
איכ בינ שולדיק
נאָכ פאר אװגוסט
שולדיק נאָכ פאר מײַ.

גיכער כאװער! אקסלענ, כאװער,
ברוסט און אָרעמס —
מונטער פלײַסיק!
קלאפ און שנײַד און זעג!
פונ אָקטיאבער
ביז יאנװאר,
נײַנצנהונדערט צװײ־און־דרײַסיק —
איז געצײלטע טעג!

ס'איז דער טאָג!..

דו כאָרכלסט,
אונ דו גויסעסט שוינ,
וועלט
די קאפּיטאליסטישע, —
נאָר די ציינער
ווייַזטו נאָכ
אונ האווקעסט!

ס'איז דער ערשטער אווגוסט,
מערער ניט!

דער טאָג
פונ פואנקארע
אונ הינדענבורג!

אינ די טאָלנ
אונ אינ די בערג
פונ שאנדונ
אונ פונ נאנטשאנ
אונ פונ יאנדזי, —
איז ער
צווישנ טעג —
א טאָג
פונ רויטנ פארטיזאנ;
איז ער
א סאָוועטנ־אינדערפרי!

כאָרכלסט־כאָרכלסט שוינ
אונ גויסעסט, —
נאָר די ציינער
ווײַזטו נאָכ
אונ נעגל!

אונ אפ דער שוועל
פונ דײַנע
צוגעמאכטע בירזשעס
וויינסט
אונ לאכסט
אונ הירזשעסט!

קראנקע
קראָנענ
קוליענ זיכ

אפ וועגנ,
פאלנדיקע מארקנ
אפ פוילנדיקע מעריק!

כארכלסט-כארכלסט שוינ
אונ גויסעסט, —
נאר די ציינער ווייזטו נאך
אונ האווקעסט!

ווייל די רייענ
זיינענ גרויסע, גרויסע, גרויסע,
אינעמ ערשטנ אווגוסט;
אונ ווייל די באריקאדנ
זיינענ אופגעברויזטע
ווי אינ וויכער —
בערג!
אונ ווייל פלאמענ
ציענ זיכ
פונ קלויסטערס
ווי סטענגעס
קארנאוואלישע,
ווי שיינער פייערווערק!

ווייל דו זעסט
ווי מענטשנ
מיט מיליאנענ אויגנ —
הונגער,
נויט,
אונ גאל,
אונ וויי, —
רייבסטו דיר
די הענט

און פינגער:
— עכ,
אז אָנטאָנ
אָט די מענטשנ
אינ שינעלנ,
און אינ פרענטשנ,
און אינ גאליפע!

עכ, אז בלוט,
וואָס פונ ליאָנענ
אפ די פעלדער
אויסגעכראקעט!
אפ די פעלדער
אָנ א סאָפּ יושט,
אָנ א מאָס קוועלט!

עכ,
א שיק טאָנ
באטאליאָנענ
מיט זייער בלוט
פארטרינקענ כארקאָוו
און ביז מאָסקווע!

ערשטער אווגוסט —
ניינצנ הונדערט איינ און דרייסיק!
ערשטער אווגוסט —
פונעם דריטנ וואָס אנטשטרט!
ס'איז דער טאָג,
ווענ הינדענבורג
גרייט זיכ
און איז גרייט!..

ס׳איז דער טאָג,
ווען אין די בערג
האַלטן שוין
בינעזער קעמפער
שווערד
אנטבלויזט
פון שייד!
ס׳איז דער טאָג
פון רורער שטרײַקער,
פון בערלינער,
פון מאדרידער:
— גיט אונדז ארבעט,
ברויט
און פרידן!
קריג דעם קריג!

ס׳איז דער טאָג
פון אונדזער קאמף־מאַרש
באָלשעוויסטיש
האַסטיק,
פעלדזיק. —
שטורעמט ווײַטער
אונדזער שלאכט־צוג
טאָל,
טונעל,
און בריק.

ס׳איז דער טאָג
פון טויזנט פערציק
און פון פינעפהונדערט אכצן,
און ביז פולסטן זיג!

דרייַצן!

אקסלען —
געוועט זיך
מיט הערצער,
און הערצער —
מיט אקסלען
געוועט זיך!
צו ציילן
אָקטיאבערס

ביז פּערצן —
איז ניט אזוי גרינג,
ווי עס רעדט זיך!

אונדזער א טאָג
איז קיין ווייל ניט!
און יעדער אָקטיאבער —
א יויוול!
און יעדער אָקטיאבער —
א פייל איז
אין בלוט־אָפּגעגילדעטע
שויבן!

אָט טאקע דערפאר —
אזא קרירע
גרוילט שוין
אפ יענער זייט גרענעץ:
צעטראסקעט
איז שויבן און טירן,
און אָפן,
ווי הינטישער
גענעץ!

אפ שפּיצן אָקטיאבערס
מיר האָבן, —
אזויווי אפ דרייצן,
אפ שפּיזן, —
גענומען דאָס וועלטל,
דאָס גראָבע,
דאָס וועלטל גענומען,
דאָס מיסע!

עס טריפעט . . אָבער
נאָכ העפטיק,
אונ ווארפט
מיט די פיס
אינדערלופטנ;
עס איז נאָכ געזונט
אונ נאָכ קרעפטיק,
אונ קאָנ נאָכ
א רעווע,
א רופ טאָנ:

— היי, יונגענ!
פונ אמסטערדאמ 1) יונגענ!
קומט ראטעווענ!
קאלט איז,
אונ ענג איז!
— היי, יונגענ,
אינ הײַזלעכ
פארדונגענ, —
צו האנדלענ
מיט מארקס
אונ מיט ענגעלס!

...אונ ס'יאָגנ
מיט שירצלעכ געקרויזטע, —
ווי מוידנ, —
די בלומס
אונ די קאוטסקיס.
— פאוואָליע!
עס זעענ ארויס זיכ
די געלע,

1) געלער אינטערנאציאָנאל פונ פראָפאריינענ.

די זוינישע
מאטקעס!

נאָר ס'פּאָכן
די יונגען
און הוידען,
מיט געלע בילעטן
אינלופּטן...
נאָך שטארק
איז דאָס וועלטל
פּאסקודנע,
און קאָן נאָך
א רעווע,
א רופ טאָן!

עס הייבט נאָך
א בלוטיקן
קעלישעק,
און גאָנערט
דעם נעכטן
אן אָדרע;
און צאפּלט זיך נאָך
ווי א פעלד־זשוק,
וואָס שטעקט
אפן שפּיץ
פון א נאָדל.

און דארפ מען,
איז קאָן זיך עס
פעסטשען:
— יערושע...
קולטור...

זיידעס־באָבעס !..
אָבער —

מיר האלטנ עס
פעסט שוינ
אפ שפּיצנ
פונ דרײַצנ
אָקטיאבערס !

איז הערט אויס,
כאווייר׳ימ דאָנבאסער !
אונ שלאָגלערס —
דזערזשינצעס !
פּעטראָווסקער !
אונ הערט אויס,
איר ארבעטער־מאסנ,
פונ „געז",
כ. פּ. ז.,
„טיניאקאָווקע" ! —

— ווער פונ אײַך
ס׳גייט ארומ
ליידיק,
אונ ווער פונ אײַך
ס׳שוואכט אָפּ
די טעמפּנ, —
יענער —
דערלאָזט ניט,
אז וועדינג 1)
זאָל לעגינס אָקטיאבער
אויסקעמפּנ !

1) אנ ארבעטער־ראיאָנ אינ בערלינ.

ווער פון אײַך
ס'אײַלט נים
א שפאנ טאָנ,
פּאָרויס און פּאָרויס
אינ געוועטנ, —
יענער
דערלאָזט ניט,
אז דאנ־טאָונ, [1]
זאָל אופּציינ
די פאָנ
פונ סאָוועטנ!

ווער עס אנטלויפט
פונ די שטאבנ,
פונ פראָנטנ
מיט שווארצגאָלד,
מיט קוילנ, —
יענער
העלפט מיט,
אז אָקטיאבער
זאָל פאלנ
צעבלוטיקט
אינ פוילנ!

איז הערט אויס,
כאווײרים דאָנבאסער!
און שלאָגלערס —
דזערזשינצעס,
פּעטראָווסקער!

1) א געגנט אינ ניואָרק.

און הערט אויס,
איר ארבעטער־מאסן,
פון „געז",
כ. פ. ז.,
„טיניאקאָווקע"! —

— אז שטארקער
זאָל ברויזן
קאמפן, —
איז דאָפּלט
די צאָל
פון די טראקטערס —
מיט אונדזערע
אייגענע
שטאמפן!

אז ניט נאָר
אין שויבן
פון שליאכטעס,
נאָר אויך —
אין פונדאמענט —
די פּײַלן, —
איז הייסער
דעם שטורעם
אפ שאכטעס!
און ברייטער
די דאָמענע מײַלער!

אז גיכער —
דער סאָפּ
פון צערהיבעלס,

פון בלומס,
און פּילסודסקיס,
און באַרטעלס, —
איז רויטער
דעם ריקאָווקער פּיבער!
און ברייטער
מאַקייעווקער מאַרטענס!

היי, צעכן!
קאָמונקעס!
בריגאַדעס!
פעסטער —
מיט טעמפּן
געגאַרטלט!
א שלאַכטפעלד
איז יעדער
דעקאַדע!
א קריגסצייט —
דער שלאָגלערשער
קוואַרטל!

דרייצן, שוין דרייצן!
און —
פערצן!
פאָרויס אפ היסטאָרישע אקסן!
היי, אקסלען —
געוועט זיך
מיט הערצער!
— היי, הערצער —
געוועט זיך
מיט אקסלען!

דאָס ליד פונ יונגנ טאָקער

צאפּט זיכ דאָס וואסער,
דאָס זייפּענע,
קילט עס דעמ גלי
פונ מייַנ פּרעז.
אָפּגעטאָקט
כ׳האָב שוינ א רייפעלע,
אָפּגעטאָקט
כ׳האָב שוינ א פערז.

אויסגעקארבט
כ׳האָב א באָלוואנקע,
מיט זיבנ
דרייַעקיקע טרעפּ.
מע זאָגט:
אפּ אזעלכע שטאנגענ,

הענגען ווי
מוירדישע קעפ.

מע זאָגט:
צו אזעלכע שטאנגען,
שמידט מען צו
קולישע זין.
כ'האָב מיך דערמאָנט הײַנט
אָן ווראנגלען;
און כ'האָב מיך דערמאנט —
אָן פעקין.

כ'האָב פלוצים
דערמאָנט זיך:
וואנצעטי,
און כ'האָב זיך אין סאקאָן
דערמאָנט.
אויב מיר איז באשערט
א פאָעט זײַן —
איז וועל איך
א זינג טאָן
פון פראָנט!

אויב מיר איז באשערט
א פאָעט זײַן — — —
פון שטאָל, פון בעטאָן
און פון פעך!
דערווײַל האָבן צעכן
פארוועט זיך,
און איך —
בין דאָך איינער
פון צעך!

איך טאָק,
און איך פעלש ניט
קיין האָר ניט!
מײַן בלוט —
גיט געקילט ווי מײַן פרעז!
עס וועט
כ. פּ. ז.
גיין פונפאָרנט,
און וועט זיך פארוועטן
מיט „געז״!

מײַן טראקטער־צײַך
שטייט אפ א בערגל;
און אונטן —
דער קעסל־צײַך שטייט.
אוי, דאָס איז דאָך שלעכט
און נאָך ערגער,
וואָס אונטן —
מע איז נאָך ניט גרייט!
באַם מיטעק־טיש —
גרופּעסווײַז,
פּאָרלעכווײַז —
האָט מען געכמורעט זיך
הײַנט.
דער קעסל־צײַך
ווארט
אפ א דורכרײַס —
אזויוי מע ווארט
אפ א פײַנט!

א וואָרט
אזא פינצטערס,

צעשויבערטס —
קלעטערט
אפֿ ווענט
און אפֿ הענט:
דורכרײַס!
דורכרײַס!
שוידערט —
— „עס פֿעלן נאָך
דרײַסיק פּראָצענט!"

אוי, קעסל־צעכ,
ביסט ניט קיין עלנטער!
דער גאנצער זאוואָד
איז מיט דיר!
מיר יאטן פֿון טראקטער־צעכ
וועלן דיך —
א נעם טאָן
אפֿ אונדזער בוקסיר! — — —

מע זאָגט
כ׳בין א שיינער, געזונטער;
פֿאר וואָס־זשע
ניט שיין זײַן,
געזונט?
אז ס׳איז אונדער שאָ
אזוי מונטער!
אז ס׳איז אונדזער טאָג
אזוי בונט!

מײַן הײַנצנטער זומער
איז צײַטיק —
אין פּײַפֿ, אין מעטאל,

און אין דאמפּ;
מײַן ליד
אין זאוואָדישער צײַטונג —
פון ליבע וועט זײַן
און פון קאמף!

וועט לייענען מײַן מיידל
די צײַטונג,
און וועט מיר
א זאָג טאָן:
— דו ווארט!
דײַן אָפּרו־טאָג, דוכט זיך,
איז פרײַטיק...
טראמווײַ נומער זיבן —
אין פּארק.

איז שלײַף איך
די קארבן
נאָך טיפער.
ווי טיף
ס'איז מײַן הארץ,
און ווי פול.
און צינגעלעך־וואסער,
ווי ציפער,
ווי איינסן: איינס־איינס —
און נול־נול.
אוי, מיידל, כ'וועל פרײַטיק
ניט קאָנען...
א שלאָגלער־בּאראטונג
פאראן!
און זילבערנע איינסן
דערמאָנען —

אַ נ צ־יפּערנ
פון פּראַמפּינפּלאַנ!

ג־יכער, באַלוואַנקעלע,
פריַיער!
צעווי־ג זיכ אינ שויס
פונ מאַשינ!
דערמאָנסט מיכ:
אַפּ גאַסנ שאַנכיַיער —
שאַרבנס פונ קולישע זינ!

נאָר דו ב־יסט דאָכ ניט
פאַר קיינ שאַרבנס!
אונ דו ב־יסט דאָכ ניט
פאַר קיינ טויט!
מיט זייפענעמ טוי —
דיַינע קאַרבנ;
מיט לעבנ אונ לידער
באַטויט!

איכ ווייס ניט
אַווו
וועט מיַינ טראַקטער —
אונ וואַסער קאַלווירט
זיַינ געשפּאַנט;
נאָר גריסנ
דו זאָלסט
אַלע טראַקטנ —
פונ מיר,
מיַינ מאַשינ
אונ מיַינ האַנט!

ראַפּאָרט פון עלעקטראָזאַוואָד

דער „ראַפּ" האָט
באַפוילן
די דיכטער:

— א ראַפּאָרט
פון טעמפּן
און וויכער —
דערלאַנגט
דעם לאַנד!

— דיכטער בא „וואַפּ"! —
מאַכט באַוואוסט
צו אַלע יאַמען,

ערדן
און וועלטן —
דעם זיג
פון אונדזערע העלדן!

*

פופצנטויזנט
פון עלעקטראָזאוואָד —
זײַט געגריסט!
אײַערע סאַכאַקלען
ברענען שוין!
אײַער ריז
א ריס
געטאָן
דעם צווייפל האָט
פון וואַקל־לײַט
אין פלענער־שײַן!

אײַערע סאַכאַקלען
ברענען שוין!

אײַער ריז —
ער איז
די פעסטונג,
פאָן,
און פאַקל
פון די טעמפּן
לענינשע;

אײַערע סאַכאַקלען
ברענען שוין!

געפּאַקט איר האָט
די צײַט
פאַר האלדז
און געשטעלט
אַפּ איר
אַ שטעמפּל:

— „פינפיאָר
אין צוויי מיט האלבס!"
קיין איינציק
פוסטע,
וויסטע שאָ! —
טעמפּ —
באָלשעוויסטישע!

מיר ראַפּאָרטירן.
— הער, הונגעריקער פון שאַנכײַ!
— גאַוטש, פון די אַנדן.
— הער אַרבעטלאָזיקער פון הימאַלײַ,
און פון אַפריקאַנער זאַמדן!

— הער, רורער
ברודער!
— שוועסטער
פון מאַנטשעסטער!

הערט, באַטראַקעס,
פון מאָנבלאַן!
— שאַכטיאָרן,
פון די אַלפּן! —

מיר —
פופצנטויזנט מאַן —
פון פינעפיאָר
דערפילט דעם פּלאַן —
אין צוויי יאָר
מיט א האַלבן!

מיר ראַפּאָרטירן.
— אינעם צוואַנציק אַכטן יאָר,
האָט געשאַפן דער זאַוואָד
ווערק —
אַפּ נײַן מיט האַלב מיליאָן.
און אין איין כוידעש מאַרט
פונעם דרײַסיק איינטן יאָר,
האָט געשאַפן דער זאַוואָד
ווערק —
אַפּ צען מיט האַלב מיליאָן!

ווען — ווו — ווער — אמאָל —
האָט
א טעמפּ
אַזאַ
געבאָרן? —
אין איין כוידעש —
וואַקסן פיר —
מערער
ווי אין יאָרן!

אַזאַ — דער וווּקס
און דער זיג איז
פון —
באָלשעוויקעס!

— מאגניטבױ!
הײ, קונעצקבױ! —
עס װעלן
קײן מוסקולס
ניט װערן
פארמאטערט!
פופצנטױזנט מאַן און פרױ —
אָטעם — פלאַטער,
אױגן — ליכטיק —
גרײטן אײַך:
— טראַנספאָרמאַטערס
אױבערמעכטיקע!

ליכט! ליכט!
פיל און װײַט!
ליכט! ליכט!
זון און גאָלד!
פערציקטױזנט קילאָװאט:
הונדערט פופצן טױזנט װאָלט, —
יעדער
טראַנספאָרמאַטער!

*

מיר ראַפּאָרטירן.
— עס זינגט
פון אײביק אָן
די ערד,
און ס'זינגען

די פּלאַנעטן, —
און ס'האָט דאָך
ווער פון אונדז
געהערט
דאָס געזאַנג
פון אונדזער ערד, —
מיר זײַנען דאָך
פּאָעטן! —
נאָר שענער איז
דאָס שלאָגלער־ליד,
און שטאַרקער איז
דאָס שלאָגלער־ליד
ווײַל און ווײַל
עס האָגלט מיט
יוגנט און געוועטן!

*

מיר ראַפּאָרטירן,
— מיט צוויי יאָר פריִער
זײַנען געווען
אין עלעקטראָזאַוואָד:
שלאָגלערס פופצנהונדערט.

אָבער עס האָט
געגליט
אַזאַ ליד;
אָבער עס האָט
געוועקט אַזאַ וואָרט!
ביזוואַנען אַצינד
אין עלעקטראָזאַוואָד —
שטורמען,

ברויזן:
שלאָגלער מער פון דרײַצנטויזנט!
צוויי יאָר פריִער:
— פופצנהונדערט;

— דרײַצן טויזנט —
אצינדער!

*

מיר ראַפּאָרטירן,
— אונדזער וועג
געווען ניט גלאַט איז,
ס׳האָט דער שעדיקער —
געשעדיקט!
און דער רעכטער
האָט געפּריידיקט
מיט די ווערטער
פונעם סוינע,
מיט דעם „לינקנס״ —
זילבן!

נאָר, אז טעמפּן,
אז אזוינע —
פון אכטהונדערט —
שלאָגבריגאַדעס;
פון קאָמונעס —
זעכציק זיבן;
אכט און פופציק —
קאָלעקטיוון, —
אונטער פאָן

פון באַלעשעוויקעס! —
אַט דערפאר,
און אַט דעריבער,
קלינגט די ליד
הײַנט העכער,
טיפער, —
וואָרום — אונדזערער
דער זיג איז!

אַט דעריבער,
און דערפאר דאָך
זינגט די שטאַרקסטע
דיכטער־גוואַרדיע
דאָס געזאַנג —
פון ציפער!

*

מיר ראַפּאָרטירן,
— מיר האָבן פריִער
האָלץ געהאַקט,
און קאַסטנס געמאַכט,
און יעדע מאַשין
אין א קאַסטן געפּאַקט —
מיט שטיקער טאָג,
מיט שטיקער נאַכט...

איז א שלאָגלער געקומען,
און געגעבן א זאָג:
— ניין,
ניט גוט,

און ניט אזוי!
פאקט די מאשינעס
און פּאַשעטן שטרוי!
האָט מען געפּרוווט
און געוועזן איז גוט:
פארפאקט א מאשין
אין פינעף מינוט!

דרײַהונדערט טויזנט
רובלען א יאָר,
האָט אונדז
דערדאָזיקער פאָרשלאג
פארשפּאָרט!

*

מיר ראפּאָרטירן.
— טאָוולדיק אײַזן
האָט אונדז
געפעלט:
דרײַהונדערט טאָן!
דרײַהונדערט טאָן!
דער דורכרײַס
האָט זיך
צוקאָפּנס
געשטעלט, —
אוי, וואָס זאָל מען טאָן!
אוי, וואָס זאָל מען טאָן!

אז ס'האָבן געגעבן
א לאָז זיך
בריגאדעס,

איבער פארגעסענע
מאָסקווער סקלאַדן,
און האָבן
געגנישטערט
ווי אָדלערס
מיט שנאָבלען:
— א דורכרייַס דראָט!
— א דורכרייַס דראָט!
און האָבן —
מיט דרייַהונדערט —
אייַזערנע —
טאָוולען —
געקערט זיך צוריק
אין עלעקטראָזאַוואָד!

*

מיר ראַפּאָרטירן.
— הער, הונגעריקער פון שאַנכײַ!
— גאָוטש, פון די אַנדן!
הער, ארבעטלאָזיקער פון הימאַלײַ,
און פון אפריקאַנער זאַמדן! —
ס'איז איצטער מײַ!
פרילינג־זון.
ערשטער צוויט.
ערשטע בלומען.

פון וואָס וועט זײַן מײַן פרילינג־ליד? —
פון:
— בליומינג!

איך גרייט
א ראַפּאָרט
פאַר דער וועלט —
פון אונדזער ערשטן בליומינג!

ס׳איז איצטער מײַ!
עס הענגען
שטראַלן
אויף מײַנע האַלדזן!
עס וועריג
פעלדער
גרינער אַלץ!
און ס׳ווערט
די בלום
אַלץ ראָזער!
איך גרייט
א פרילינג־ליד
דער וועלט:
א ראַפּאָרט
פון די גראָזנער!

ס׳איז איצטער מײַ!
אין גאָרטן
טרעלט
דער סאָלאָווײ,
און איבער גאַסן —
שוואַלבן!
און איך —
איך זינג צווישן זיי:
דאָס פרילינג־ליד
פון פינפיאָר
אין צוויי יאָר מיט א האַלבן!

אין דאָרף

כאַיִם־איצי —
פון מײַפעלד,
דער פויער כאַיִם־איצי, —
ווינטער און זומער
אין פעלצענעם מיצל
מיט לאַפּן מיט צוויי;
מיט באָרד

אופגעשרײַפּלט
ווי געלער בוריאַן;
מיט בייזע,
געמאָסטענע,
שטיוולשע שפּאַן.

איז זיך כאַיִם־איצי
געגאַנגען פאַרנאַכט,
בײַ זײַט
פון צווישטאָקיקן
וואָגן מיט היי,
פון פעלדער,
א מידער
אַהיים.

איז ער געגאַנגען
און האָט זיך געטראַכט:
ליאָווע
וויל מאַכן
א טעל
פון אַרטעל!

א מייע א האַלבע,
מיט קעלבער און קי,
און צענדליקער פערד,
און הונדערטער דרײַ
העקטערס מיט ערד,
מיט ברויט.
און מיט מי,
מיט דרילן [1],
מיט וועגענער,
מיט רעמאַנענט!

---

1) פעלד־מאַשינעס

ווײַל ליאָװע
איצט גענומען
און מאַכן צו אַש,
אַ ביניען אוזאַ,
אַ קאָמונע באַלד — אוזש!

און ס'האָט זיך כאַימ־איצי
געגעבן אַ ציִ
די בײַקענע הויזן
ביז איבער די לענד:
— װיאָ!
אַ קרענק!...

— מע דאַרף איצט
אַ בוי טאָן
אַ נײַינקע שטאַל;
די אַלטע —
איז ענג.

און מע דאַרף
דעם אַרטעל
באַוואָרענען באַלד
מיט פּוראַזש:
צום ערשטן —
מיט היי,
און דערנאָך —
מיט פּאָלאָװע,
און נאָכדעם —
מיט גערשטן.
װיאָ!
ס'איז ליאָװע!

שוין איינמאָל א ליאָווע!..
צום ערשטן —
מיט היי;
און דערנאָך —
מיט פּאָלאָווע — —

אזוי איז כאִימ־איצי
פון פעלדער
באנאכט
געגאנגען אהיים —
בא זייט
פון צווישטאָקיקן
וואָגן מיט היי.

*

דאָרף.
קלינג־קלאנג.

אינמיטן דער גאס
הענגט א שטיק רעלס —
קלאפּט מען דערין
און מע רופט:

ראַדיאָ!
ראַדיאָ!
נייַס!
פונדערלופט!
בינטלעך־בינטלעך פויערים
אין מיצעלעך
פון פעלץ,

זאמלענ זיכ
באמ קלוב,

זאמלענ זיכ
באמ רעלס.

לאָפּנ פונ די אויערנ,
הייבט מענ, הייבט מענ אוף;
זאָל מענ, זאָל מענ קענענ
הערנ די אנטענע!

— "האָרכט!
האָרכט!
האָרכט!"

זילבּנ־זילבנ־זילבנ
שרויטלענ זיכ
ווי זילבּער;
פאלנ פונ אנטענע,
פאלנ איבער דאָרפ.

ווערטער־ווערטער־ווערטער—
ווי עפּלצוויט אינ גערטנער,
פאלנ ווערטער־ווערטער,
פאלנ איבער דאָרפ.

— "האָרכט!
האָרכט!
האָרכט!
ראדיאָ־כארקאָוו!
ראדיאָ־כארקאָוו!

אפֿ דער כוואַליע...
אפֿ דער כוואַליע...

ס'איז געבוירן
נײַע,
שטאַרקע,
צוויי סירענעס,
צוויי סירענעס, —
איינע —
אין דער שטאָט פֿון סטאַלין;
צווייטע —
אין ראָסטאָוו".

פֿון אַנטענע
פֿאַלן זילבן,
שרויטלען ווערטער זיך
ווי זילבער —
איבער דאָרף:

— „אַ בשׂורה —
אפֿ וועגן
און טראַקטן, —
פֿאַר דאָרף
און פֿאַר שטאָט!
און פֿאַר וועלט!
עס כוואַליעט
די וואָלגע
מיט טראַקטערס;
דער דאָן —
מיט מאַשינעס
פֿאַר פֿעלדן!"

האָט איצי
באַטראַכט די אַנטענע...

— גאָר אייגענע טראַקטערס?..
בא אונדז?..
א נייַער זאַוואָד?
צוויי סירענעס?..
אָט דאָס —
וואָלט געוועזן
א קונץ!..

טפרו! —
און פאַרהאַלטן די פערדלעך;
אָן וואָגן מיט היי
אָנגעשפּאַרט.
געהערט
מיט פאַריסענעם בערדל,
מיט אויגן —
פאַרכאַסמעט,
פאַרמאַכט.

א וואָרט
האָט אָפּ פעלדער
אַן עכאָ;
אַן עכאָ —
האָט יעדער קאָלווירט.
און בסורעס —
זיי קלינגען
נאָך העכער!
מיט עכאָס —
מיט צוויי
און מיט פיר!..

„צוויי קוימענס,
צוויי נײַע
ביז וואָלקנס!
צוויי נײַע זאַוואָדנ
אינ קאַנ!
מיט טראַקטערס—
עס כוואַליעט
די וואָלגע;
מיט דרילנ
אונ דרעשערס—
דער דאָנ!"

האָט איצי
געהערט
די אַנטענע;
האָט איצי
געשמייכלט
אינ באָרד...

אונ פּלוצימ
א זאָג געטאָנ:
לענינ...
אונ מער ניט
געזאָגט שוינ
קײנ וואָרט.

א שווײַגער,—
פונ שטענדיק
א שטילער,—
אונ קומט ער
אַרײַנ אינעמ קלוב,—

טרעפט זיכ ניט איינמאָל:
אָט וויל ער
נעמענ א וואָרט..
נאָר פארשטופט—

בלייבנ די ווערטער
אינ גאָרגל,
אזויווי א פלאמיקער
קנויל.

טראכט ער זיכ!
שפעטער־צו..
מאָרגנ..
עפענענ—
וועל איכ א מויל!

נאָר ווי ס'איז דער ראדיאָ
אנשוויגנ,—
אינ עכאָס,
אינ ווייטע,
אינ צוויי—
האָט פלוצימ
כאַמ־איצי
געשטיגנ,—
געשטיגנ,
אפ וואָגנ
מיט היי.

— כאווײרימ!..
קאָלווירטלערכ!...
איכ וועל אייכ...
איר הערט דאָכ...

דער ראַדיאָ...
אָט...

זשומעט ניט...

וואַרט נאָר!..
פּאַמעלעך!..
אָט־דאָס־אָ...
אַ—
טראַקטער־זאַוואָד!..

— כאַים־איצי!
רעדט העכער אַ קאַפּל!
איר ווילט עפּעס זאָגן—
איז זאָגט!..

און אויגן,
און הונדערטער אַפּלען,
האָבן
נאָך ווערטער
געיאָגט..

נאָר איצי
געשטאַנען
אויף וואָגן,
געוואָרפן
מיט הענט
אין דער לופט!..

זאָל ער גאָר
עפּשער
אַ זאָג טאָן,
אַז—

ליאָווע...
דער סידבאַלעגום...

אַז—גיי...
אַז דער שלונג
איז פאַרזאָטן,
און הענט,
ווי פון זיך—
זיך אַ וואָרף...
אַז אַלץ
איז מיט אויגן
פאַרשאָטן...
דער הימל,
דער וואָגן,
דאָס דאָרף...

האָט זיך צעהילכט
די פאַרזאַמלונג:
כאַים־איצי!
איז זאָגט—
וואָס איר ווילט!

אַז איצע
האָט אָנגעהויבן
שטאַמלען —

פאַר זיך
אין דער וועלט אַריין...
שטיל...

שטיל—
ווי אַ רעגן

אפּ דעכער,
א רעגנ —
אינ זוניקנ טאָג!
שטיל —
אונ שוינ הויכ,
אונ שוינ העכער,
בינ ס'האָט זיכ
כאַמ־איצי
צעזאָגט!

בינ אויגנ
אינ באָרד
זיכ צעברענענ:
צוויי קוילנ
אינ געלנ בוריאַנ...
אונ ווידער
א זאָג געטאָנ:
— לענינ...
א טראַקטערזאַוואָד...
שוינ פּאַראַנ!

איר קאָנט דאָכ
מײַנ ייִנגל,
מײַנ אַרקענ...
ווינטער... אינאָוונט...
אינ שטוב...
— טאַטע!
ס'האָט דאַרווינ..
ס'האָט מאַרקוס...
טאַטע!
פונ קלויז —
דאַרפ מענ מאַכנ
א קלוב...

זאָג איך:
פון קלייזן
ביז קלובן—
דעם כילעק—
ווייסט שוין
איצט יעדער!
און—גאָט?..

מיט גאָטן—
כ'האָב לאנג שוין
געסילעקט!—
דערצייל, זאָג איך,
לאָבוס,—
פון שטאָט!

שטאָט ווייסט דאָך
גאנץ גוט,
ווי עס ארבעט
אונדזער קאָלווירטניק
די ערד!

דארווע,—
איז טאקע זיך דארווע,
און פערד, זאָג איך,
זיינען זיך—
פערד!

נעם אונדזער פעלד,
און צעגראָב עס!—
וואָסי?
דרייסיק פערד
איז גענוג?..

איצט שווײַגסטו שוין,
— זאָג איך —
דו לאָבוס, —
אַבי נאָר,
דו גייסט
אין קאַמיוג!

שמייכלט מײַן אַרקע
און ענטפערט
— „שווער נאָך...
ווײַל — פֿײַנט!
באַלעגופּ!
מיר קעמפֿן נאָך, טאַטע,
מיר קעמפֿן,
און בויען
אַלץ אויף,
און אַלץ אויף!

ס'האָט לענין געזאָגט,
אַז דער איקער:
עלעקטרע
און טראַקטערס —
דעם דאָרף!...“

פֿיל איך:
אָט ווער איך
צעפּיקעט!
— אַרקע!
דו לאָבוס!
אָט־אָט!...

אָט דאָס טאַקע
מיינט דאָך
דער פּאָסעק:

טראַקטערס, —
און ניט צאַבע־היי!
און כ׳וועל
אַזוי ביין...
אַזוי ראָסיק!..
און דאָ גאָר —
— זאַוואָדן...
און־צווייל!

אַז ס׳וועלן
מיר טראַקטער־פּאָדקאָווס
אַ נעמ טאָג
אַ לאָנקע
אַף פאַר! ———
וואָס זאָגסטו אצינד עפּעס,
ליאָווע!
ווער איז געבליבן
צום נאַר?

דו —
וואָס דו לעקסט זיך נאָך אונטער
צום פּײַנט,
צום קולאַק,
צו זעם גוויר;
דו —
מיט דײַן שקאַפּע
באַזונדער, —
צי מיר —
האַנט־באַ־האַנט
אין קאָלווירט!

אַז טראַקטערס
אַף וואָלגע־טײַך

כוואַליִעג, —

איז וועט אונדז שוין, ברידער,

זיין גוט!

איך זאָג אייך, כאַווייִרים...

ס'א סטאַלינ!..

- - - - - - - - - - - - - - - -

א טראַקטער —

אין זיבּן מינוט!..

- - - - - - - - - - - - - - - -

איז נעמט זשע

און כעזשבּנט נאָר איבּער...

- - - - - - - - - - - - - - - -

הונדערטער, זאָגט איר,

א יאָר?

כאַווייִרים!

איר קאָנט ניט

קיין כיבּער!

טויזנטער,

טויזנטער פּאָר!

און אַלע —

מיט אונדזערער

מאַרקע!..

וויאָ!

זיך פּאַרשפּעטיקט!..

דאָס היי!..

וויאָ!

לעבּן זאָל טאַקע

מיין אַרקע!

און לעבּן

זאָל אונדזער

פּאַרטיי!

אכטער מאַרט

אַז ס'האָבן
צעלאָזט זיך
אין ברייטע קאַדרילן
די ווינטן פון מאַרט,—
איז ווו זיינען
טריערס,
און ווו זיינען דרילן,—
און מער ניט
געוואַרט!

אַז ס'איז שוין
געוואָרן
דער גאַנצענער ישעוו
אין קאָלעקטיוו,—
זיינען דאָך
קויכעס
איצט הונדערט מאָל
פרישער,
און פרייד—
איז דאָך טיף!

אַז פרייד
איז א טיפע,—
איז ווער נאָך
ווי פרויען,
פאַרשטייט,
וואָס איז פרייד!
אַז זיבעציק מאַמעס
און טעכטער,—
אין טויען,—

פאַרזייען
איין. בייט!

אַז זיבעציק פּרויען
פאַרציִען
אַפּ פעלדער
איין מונטער געזאַנג!
און אַלעמענס —
שייַער!
און אַלעמענס —
קעלטער!
און אַלעמענס —
זאַנג!

איז וואָס פאַר א פרייד
איז נאָך גרעסער
און טיפער,
ווי פריידן
פון אַל! —
ווען ס'זינגען
געוועטן,
און ס'וואַקסן
די ציפערס,
פון זאַט [1]
און פון שטאַל!

פון דערפער
אין רויטע
קאָמונעס —
צעפלאַטערט —
אַפּ אַלעמענס
ערד!

---

1) זרע

פון פרויען־בריגאדעס
און פרויען
אפ טראקטערס,
אפ שטאָלענע
פערד!

אז ברוסטן
צעשפארטע
אקעגן
דעם פרילינג:
—היי, זון!
אפ געוועט!

אז ס׳מאָנען שוין
פעלדער:
דערפילונג!
דערפילונג!
מיט זאָט
און מיט זעט!

איז לאָמיר
א זינג טאָן
די פרייד
פונעם בויען,—
ווייל ברוסט
איז צעשפארט!

איז לאָמיר
א זינג טאָן
די פרייד
פון די פרויען—
אין אכטן טאָג
מארט!

אפן טראַקטערבוי

וואַרשטאַטן!
וואַרשטאַטן!
מאָנטיק—פיר!
דינסטיק—צען!
מאָנטאַזשירט—
אינעם צעך!

וואַרשטאַטן!
וואַרשטאַטן!
מיטוואָך—דרײַסיק!
פרײַטיק—הונדערט!
אופגעשטעלט
אין לאַנגער ריי!

היי, היי, מאָנטאַזשירער!
לעבעדיק!
פלײַסיק!
שטורמיש!
מונטער!
מיטוואָך—דרײַסיק!
פרײַטיק—הונדערט!
פינעפהונדערט!
מערער!
מיין!
טויזנט!
טויזנטער וואַרשטאַטן—
אין א לאַנגער ריי!

נעמט־אוועק, נעמט־אוועק
דעם שלאָסער בילני
פון אונדזער
דרויבל־מאשינ!
דער שלאָסער בילני
פארשטייט דעם ציל נית
פון אונדזער שלאכט!

דער שלאָסער בילני
איז פויל
און לאכט,
און ווייסט נית
פונדאנען־אהינ!

נעמט־אוועק, נעמט־אוועק
דעם שלאָסער בילני
פון אונדזער
דרויבל־מאשינ!

דאָס מיידל,
וואָס זיצט
בא שרייב־מאשינקע־
פלינקער
ארבעט פון אימ!

דער אלטער קאָלווירטלער,
וואָס טראָגט
זיינ עלטער
אינ קנייטשנ פארשטעמפלט,־
ארבעט אפ פעלדער
מיט גרעסערע טעמפנ
פון אימ!

אפ טאָוול
אפ שווארצנ —
שטארצנ
זאָל דער שלאָסער בילני!
ערנסטער פונ אימ
ארבעט אפילע
דער קלאָונ
בא צירק!

נעמט־אוועק, נעמט־אוועק
דעמ שלאָסער בילני
פונ אונדזער
באצירק!

אפ שווארצנ בריעט
מיר וועלנ אימ רימענ:
אינ פינעפ שאָ
פאריכט ער א רימענ,
וואָס דארפ געדויערנ
צוואנציק מינוט!

אונדזערע דרויבל־מאשינעס
טרויערנ,
אונ ס׳קאפעט פונ זיי
דאָס שווארצע פעטס,
אזויווי בלוט!

פעלדזנשטיינ, פעלדזנשטיינ —
קרישלענ
זיי דארפנ!
טויזנטער קובנ
א טאָג!

פעלט זיי ציינ, פעלט זיי ציינ!
אונ בילני
וויל ניט,
וויל ניט שארפנ,
וויל ניט גאָרניט טאָנ!

נעמט־אוועק, נעמט־אוועק
דעמ שלאָסער בילני
פונ אונדזער
דרויבל־מאשינ!
דער שלאָסער בילני,
פארשטייט דעמ ציל ניט,
אינ ווייסט ניט
פונדאנענ—אהינ!

*

היי, בריגאדעס!
שלאָג־בריגאדעס!
וויפל טעג
איז נאָכ געבליבנ
ביזנ ערשטנ הודאָק?

—צוויי דעקאדעס!
צוויי דעקאדעס!
צוואנציק טאָג!

נאָכ אינ צוויי דעקאדעס צייט
אונ א ריז
וועט א ריס
זיכ טאָנ אינ וויט:
—זיי געגריסט,

לאַנד
פון אַרבעט,
ערד,
מוט!
געבן וועל איך דיר
א טראַקטאָר —
אַלע זעקס מינוט!

דער הודאָק,
דער ערשטער, וועט
זיך צעטראָגן
ווײַט און העט,
און דערציילן
יעדן לאַנד,
יעדן ברעג
און יעדן קאַנט,
יעדן וועג
און טראַקט — אַזוי:
— ס'איז געווען
דער טראַקטאָרבוי:
שלאַכט! קריג!

וועלן פרעגן
לאַנד און קאַנט:
— ווי געזיגט?

דער הודאָק,
דער ערשטער, וועט
ענטפערן
דער גאַרער וועלט:
— וואָרום מיטן סאָצגעוועט
האָבן מיר

געציגלט ווענט!
וואָרום מיטן שלאָגלער־ליד
האָבן מיר
דאָס שטאָל געגליט!
וואָרום אונטער לענינס פאָן
האָבן מיר
געמישט בעטאָן!

און מיליאָנען
פון דער וועלט
וועלן ענטפערן
מיט גרוס:
—יעדן שטיין
פון דײַנע ווענט
וועט באשיצן
אונדזער ברוסט!

*

היי, בריגאדעס,
שלאָג־בריגאדעס!
וויפל טעג
איז נאָך געבליבן
ביזן ערשטן הודאָק?

—צוויי דעקאדעס!
צוויי דעקאדעס!
צוואנציק טאָג!

היי, בריגאדעס,
שלאָג־בריגאדעס,—
שלאָגט!

פּאָרטרעטן

װער איז דאָסדאָזיקע
פּאָשעטע פּאָנעם?
װער זײַנען
די שטערנס
מיט קאַרבן
געררונצלט?
בא זײ —
אין די לענדער
פון אונדזערע סאָנים —
הענגען
אַף גאַסן
פּאָרטרעטן פון פּרינצן,

הענגען
אַף גאַסן
פּאָרטרעטן פון לאָרדן,
פון גראַפן,
מאַגנאַטן
אין סמאָקינג,
צילינדער, —
װאָס זײַנען געװאָרן

באַרימטע
פֿון מאָרדן,
פֿון בלוט פֿון מיליאָנען —
פֿון אַרבעטער,
קינדער!

בײַ זײ
קאַוואַליערן:
די היצעלס —
פּילסודסקיס;
און הוווערס
טאַליאַנים,
און שפּיר־הינט —
צערהיבעלס.
און דאָ —
אַפֿן פּלאַץ,
וואָס אַנקעגן
דעם וואַציק —
פּאָרטרעטן
מיט קוטשמעס,
מיט קעפּעס
מיט שטיוול.

ווער איז ער —
דער יונג,
מיט די אויגן
ווי פֿײַער?
ווער איז זי —
דאָס מײדל,
וואָס לאַכט
קעגן וועלטן?
ווער איז ער —

דער אלטער,
וואָס טראָגט
זײַנ צושטײַער:
פּערציק יאָר סטאַזש
אפנ פראָנט
פונ די העלדנ?

...אפּ לאָסעווער סטעפּ
האָבנ ווינטנ
געהוליעט,
אונ איצט —
איז דער סטעפּ שוינ
מיט מויערס
גערינגלט!
אָט איז ער —
מיקוניס!
אָט איז ער —
זאָזוליע!
וואָס האָבנ
באזיגט
דעמ בעטאָנ
אונ די ציגל!

אָט איז —
איוואנאָוו,
מיט באָרד
ביזנ גארטל!
אימ האָט שוינ
די עלטער
מיט זילבער
געשטעמפּלט!
נאָר יונג

איז זײַנ בלוט
אינ געשלעג
פונ בריגאדע,
ווי פאָליאקאָווא —
די טאָכטער
פונ טעמפנ!

„וועג הונדערט טויזנט
ערשטראנגיקע טראקטערס —
שטימט מיטעלער פויער:
— איכ בינ
פאר קאָמונע!"

זײַנענ געקומענ
די זינ
די געוואגטע!
זאָזוליע!
מיקוניס!

און האָבנ
פארמויערט
די ווערטער
פונ פירער —
מיט פײַער
פונ טעמפנ,
מיט ברענ
פונ פארמעסטונג —
אפ זיכערסטנ
באָדנ
פונ פינעפ אינ פיר יאָר, —
זיי האָבנ
געבויט
א באָלשעוויסטישע פעסטונג!

דאָס ליד פונ וואַנזיווי דעמ טונגוס

זיכ געזעגנט מיט זײַנ הויז
האָט וואַנזיווי דער טונגוס:
— שפּרייט זיכ, טײַגע, ברייטער אויס
אונ צעטראָג וואַנזיוויס גרוס!

יאַמימ האָבנ ניט קיינ גרונט
אונ די טײַגע ניט קיינ עק! —
טײַגע, טײַגע! בלײַב געזונט!
איכ, וואַנזיווי, פאָר אוועק!

אונדזער לעבנ — ריי אונ גרוי! —
טײַגע, טײַגע, אָט, ווי דר!
גריס די שוואָטימ! זאָג אזוי:
באַנעג יאָגנ ערגעצ־ווו...

גריס די שוואָטימ אוד אונ קעט!
אונ די יונאגירנ [1]) זאָג:
פופציק נאַכטנ — ווערנ וועט!
פופציק מאָל וועט ווערנ טאָג! —

הירש די מײַנער: טראָג מיכ, טראָג! —
ווערנ נאַכט נאָכ איינמאָל וועט!
איינ מאָל נאַכט — אונ ס'איז שוינ טאָג!
אונ די סטאַנציע טײַשעט!

---

1) אוד, קעט, יונאגיר — נעמענ פונ שוואָטימ.

איכ, וואנזיווי דער טונגוס,
פרעג א רעטעניש דער וועלט;
אויב דער ענטפער איז באוווסט —
וואָט־זשע שווײַגסטו, טשוקא־רעל?

— וואָס איז רויט ווי בלוט אונ גלוט?
וואָס איז שווארצ אונ גרוי אונ רוי?
מאָסקווע—רויט ווי גלוט אונ בלוט!
אונ די טײַגע—רוי אונ גרוי!

אָט אזוי איז, אויכ מײַנ הארצ,
ווענ איכ זע דיכ, טשוקא־רעל!
ווי די טײַגע איז דאָס שווארצ,
אונ ווו מאָסקווע זונט עס העל!

טשוקא־רעל! אוי, בלײַב געזונט!
אונ געדענק: איכ האָב דיכ ליב!
ווי דעמ מילגרוימס הארצ—מײַנ וווּנד!
ווי זײַנ צוויט עס זינגט מײַנ ליפּ!——

פירט דער באנ מיכ.. פיר מיכ, פיר!
פיר וואנזיווינ דעמ טונגוס!
— מאָסקווע! מאָסקווע! פונ סיביר—
שאלט צו דיר וואנזיוויס גרוס!

זײַ געגריסט אונ זײַ געגריסט!
איבער דעכער—ווערטער־בראנד...
אינעמ פערטנ ראטנ־הויז,
זיצנ געסט פונ עקנ לאנד!

זיצנ געסט פונ קראסנאָיארק;
פונ טשוואש אונ פונ טאָקמאק...

און אקעגן: לענין, מאַרקס,
סטאַלין, טשובאַר, רודזוטאַק.

— איז דערציי̆ל, דו, ליבער גאַסט,
ווי אין טייַגע פון סיביר,
ווי דער קאַמף פון קלאַס מיט קלאַס
האָט זיך דאָרטן אָפּגעריירט!

— כאַוואַר! כאַוואַר! אין סיביר
ציט זיך טייַגע מייַל־און־מייַל...
זיידעס האָבן דאָרט פאַרירט
מיט אַ בויגן און אַ פייַל...

זיידעס — יעגערס, טאַטעס — אויך, —
לעבן קינדער אויך פון יאַגד!
זייַנען פראָסטן אונדזער קויעך,
און דער אָנוועג — אונדזער טראַקט!
אונדזער שטאַם — דרייַ טויזנט מאַן
שייוועט אייבער — ניט איין קלאַס!
איז פאַראַן אַ מאַן — שאַמאַן!
האָט שאַמאַן פאַרדינט מייַן האַס!

מאַמע ווייַנט און טאַטע אָכט:
— זון, דו זינדיקסט קעגן גאָט:
דער שאַמאַן איז הייליק דאָך —
און פון טויט ער ווייסט דעם סאָד!..

טאַטע, הער! און, מאַמע, האָרך!
ווייַל איך פאָר — און בלייַב געזונט!
אוי, מייַן ליבע היים און דאָרף!
הירשן מייַנע און מייַן הונט!

וויינ ניט, וויינ ניט, טשוקא־רעל!
יונגע ווײַב פונ אלטנ מאנ!
פאר א צענדליק האָזנ־פעל —
האָט געקויפט דיכ דער שאמאנ!..

טשוקא, טשוקא, טשוקא־רעל!
איכ, וואנזיווי, קומ צוריק! —
איבער טײַגע שפרייטנ כ׳וועל
ליכט פונ צוועלפ יאָרנ זיג!

אוי, אינמיטנ שויס פונ וועלט,
ברענט א ליכט — אינמיטנ שויס!..

לאָמיר צינדנ אינ געצעלט,
ליכט פונ פערטנ ראטנ־הויז!

ליכט פונ גרויסע, רויטע שטעט,
פאר דער טײַגע! פאר סיביר!
פאר דעמ אוד אונ פאר דעמ קעט!
פאר טונגוס אונ יונאגיר!

טשוקא, טשוקא, טשוקא־רעל!
איכ, וואנזיווי, קומ צוריק!
אינ דײַנ שוועל א קלאפ טאָנ כ׳וועל —
אונ זאָל, טשוקא, זײַנ מיט גליק!..

דו ביזט פרײַ! פארײַס דעמ קאָפ!
כ׳האָב מיט ליכט דיכ אויסגעקויפט!
א פעדשול געענדיקט כ׳האָב —
זאמל קינד־אונ־קייט צונויפ!

אוי, שאמאנענ! ס׳איז אײַער טשומ[1]
ווארעמ, ברייט אונ פול מיט שײַנ!

1) טשומ — הויז.

װעלן איצט שױן אומעטום —
אײַ׳רע משומדן־שולן זײַן!

— קינדער! קינדער! טײַגע־דאָר!
אָט א „על״ און אָט א „יע!״
לײענט דאָס װאָרט און שרײַבט דאָס װאָרט, —
אונדזער װאָרט־באַגינען איז לע!..

טשוקא, טשוקא, טשוקא־רעל!
לערן אױך דאָס װאָרט־באַגינען!
זײַ א קינד אין קײט, און — „על!״...
„על״ און „יע״, און לע!.. און נינן!..

לענינן! לענינן! אין סיביר —
האָסט געשטײַפּט דײַן ערשטן טראָט!..
איז צו דיר געהערן מיר —
פאַר די זין פון גרעסטער שטאָט! ——

*

זיצט שאמאן אין טײַגע־נאכט,
און אף שײַטער־קישעף, שפּרוך:
— װער ס׳האָט באַנען אױסגעטראַכט —
דער זאָל זײַן פון גאָט פאַרפלוכט!

אונדזער יונג האָט אָפּגעקערט
פון זײַן אַלטן װאַנדער־שטאַם!
װער ס׳האָט יִשעװ אױסגעקלערט!

יִשעװ־קישעף, שפּרוך אין פלאַם!
גײַסטער! רינגט ארום דעם יונג!
און פאַרצאַמט אים װעג און שטעג!

אינעמ ברייטנ טײַגע־שלונג —
זאָל ער בלאָנדזשענ אָנ אנ עק!

ווער ס'האָט יישעוו אויסגעטראכט,
ווער ס'האָט אויסגעקלערט א באנ! —
אָט אזוי אינ שײַטער־נאכט,
האָט געקישעפט דער שאמאנ!

אונ וואנזיווי דער טונגוס,
לערנט פלײַסיק אינ פעדשול!
אונ ס'איז פול וואנזיוויס ברוסט,
אונ וואנזיוויס ברוסט איז פול!

נאָר עס בענקט וואנזיווי, בענקט,
נאָכ דער טײַגע־ברייט אונ לענג —

זיצט וואנזיווי אפ דער שוועל,
פונ צוזאמענוווינונג — שטומ;
אונ ער בענקט נאָכ טשוקא־רעל,
אונ ער בענקט נאָכ ווײַטנ טשומ.

דאָ — א ווײַסע מירמל־שוועל...
דאָרט — א געלע פריזבע־לײמ...
— נאָכ א יאָר זיכ לערנענ כ'וועל,
אונ דערנאָכ — צוריק אהיימ!

— וואָס־זשע זיצסטו, כאווער, שטומ?
— אָט... איכ מעסט מײַנ וועג צומ ציל!..
— ניט געזאָרגט, וואנזיווי, — קומ!
מירנ שפילנ אינ א שפיל!

אין דעם רויטן ווינקל קלערט,
קלערט וואנזיווי איבער שאָך.
ווערן הירשן פון די פערד,
און א בער — פון ווייסן ראָך!..

שווארצער ליפּער ווערט א באן;
און אף שאָך־ברעט יאָגט ער שנעל!..
ווערט פון מעלעך — א שאמאן;
פון דער מאלקע — טשוקא־רעל!..

- - - - - - - - - - - - - -

שפּרייט אויס, באן, דיין אייזן־שליאך,
אין דער טייגע — טיפער־טיף!
כ׳האָב אין מאָסקווע פריינט אסאך,
גיב זיי איבער מיינע בריוו!

— „פריינט! א גרוס פון טייגע־דאָרף!
דאָ איז שטיל... נאָר ארבעט — פיל!
איך דערציי מיין יונגן דאָר,
אינעם קאמף פאר אונדזער ציל!”

- - - - - - - - - - - - - -

אוי, שאמאן! אף שייטער־האָלץ
איז אומזיסט געווען דיין שפּרוך!
טשוקא־רעל איז פריי און שטאָלץ,
און זי שרייבט און לייענט א בוך!

און דיין טשום, שאמאן, — א שול
פאר די קינדער פון טונגוס!..
און וואנזיווים ברוסט איז פול,
און ס׳איז פול וואנזיוויס ברוסט! — — —

די באַלאַדע פונ א בילד

נעבנ פיאַטיגאָרסק,
אפ די בערג מאַשוק —
הייבט זיכ אופ א פעלדז,
איבער גרינעמ טאָל.
ווער עס גייט פארביי —
שטעלט זיכ אָפּ אונ קוקט:
אינ דער ברייט פונ פעלדז —
לענינ אויסגעמאָלט.
נאָכ א ווינטער — מי,
נאָכ א זומער — היצ,
ארבעטער — אינ רו,
אפ מאַשוקער בערג.
הונדערט רעכטע הענט
האָבנ אויסגעקריצט;
יעדע האַנט — א שטריכ,
אלע הענט א ווערק!
כ'האָב שוינ אָפּגערוט —
בלייב געזונט, מאַשוק!
כ'ארבעט שוינ אפּסניי, —
נאָר זאָגט אייכ, וואָס איר ווילט:
ווו איכ גיי אונ שטיי,
אונ ווו איכ טו א קוק:
אומעטומ א שטריכ
פונ גרויסנ לענינ-בילד!

וואָס איז דניעפּערבוי?
אוּן וואָס איז וואָלכאָווּבוי?
צוויי אויגן אין אַ קאָפּ,
געצייכנט שטריך בּאַ שטריך!
מיר צייכענען מיט שטאָל,
מיט שווייס, מיט שטיין, מיט קויל;
אַף דעם קאַנווע־טאָג,
וועבט זיך אַ געזיכט!
כאַרקאָוו בּיניען פּאַר —
מעלוכישן געווערבּ!
וואָס איז דען דאָס הויז,
אויב ניט לעבּנס האַנט!
יעדער טראַקטער איז —
אַ צאַפּלדיקער נערוו,
אַף דעם לעבּנ־בּילד,
וואָס לעבּט מיט אונדז בּאַנאַנד!
וואָס־זשע איז אַ דאָרף,
דאָס עלעקטריש ליכט?
אוּן אין שטאָט, וואָס איז,
אַ נייע הייבּמאַשין? —
אויב ניט שטריך אוּן שטריך
פוּן אַ גרויס געזיכט,
וואָס לעבּט אין אוּנדזער טאָג,
אין אייבּיקן בּאַגין!
אוּן וואָס איז אַ קאָלווירט,
אוּן זיבּן אַרבּעט־שאָ?
אוּן וואָס איז דער בּאַטראַק —
דער אַרבּקאָר אין בּלאַט?
לעבּנ־שטריכן דאָרט
אוּן לעבּנ־שטריכן דאָ
פוּן פריער — אין ליוואַדיע,
בּיז אַרבּעטער פוּן ראַט!

א בילד — אפ זעקסטל וועלט!
אונ — וויַטער! איבער ראנד!
ביז שאנכיַי, באָמביי,
פאריזש, בערלינ, ניו־יאָרק!
אינעם הארטסטנ פעלדז,
אינעם וויַטסטנ לאנד —
קריצנ הענט דאָס בילד,
ווי אינ פיאטיגאָרסק!

אפ די בערג מאשוק,
הייבט זיכ אופ א פעלדז;
אינ דער ברייט פונ פעלדז —
לענינ אויסגעמאָלט.
אונדזער פארב איז — קויל
אונ בעטאָנ — צעשמעלצט!
אונדזער פענדזל ווייקט
אינ צעזאָטנ שטאָל!

ווער־זשע וועט באשטיינ
קעננ אונדזער פארב!
אז דער פירער לעבט
אינ אונדזער בלוט אונ פלייש!
נאָר אינ שטערנ־מיט
טונקלט זיכ א קארב!
אונ פונ שלייפ ביז שלייפ
ליגט א טיפער קנייטש!

ברידער פונ די בערג,
וואָס בא פיאטיגאָרסק!
הייבט די אויגנ אופ
צו דעם בילד אונ קוקט:

ווער האָט אפּגעשלייפט
אויסגעקריצט א זאָרג
און צעקנייטשט די רו?

ברידער פון מאַשוק!
וועגן — נאָך פאַרדרייט...
ערטערווייַז ניט גלאַט...
און דער נעכטן צאַנקט,
צאַנקט קאַמף־קאַמף און שטאַרבט.
לעניִנס שלייף געקנייטשט, —
האָט דער ביוראָקראַט!
פוסטעפּאַסניק האָט —
לעניִנס שלייף געקאַרבט!..

ברידער פון די בערג;
מײַן באַלאַדע שטײַגט!
וועגן ווערן גלאַט; —
ברידער! ניט געזאָרגט!

צען מיליאָנען הענט
הייבן אויף געצײַג;
האַקן אויס דאָס בילד,
ווי אין פּיאַטיגאָרסק!

יעדער בוי — א שטריך:
כאַרקאָווער געבײַ!
מאָסקווער טעלעגראַף!

פון מאַשוקער בערג
ביז דעם ווײַטסטן לאַנד —
אין דעם בלוט פון וועלט
לעניִן לעבט און שאַפט!

לעניג־טעג

אין די לעניג־טעג —
ניט קיין טרויער־ליד!
ווײַל אלע טעג,
וואָס מײַן יאָר פאַרמאָגט, —
זײַנען
לעניג־טעג,
וואָס אין לעניג־ווילן, —

ווילן פון מיליאָנען, —
זײַנען זיי
געפּורעמט!

ווײַל יעדער טאָג,
וואָס אַף אונדזער וועג,
איז אַ לויכטנדיקער טורעם
אין שלאַכטן
און אין שטורעם!

דרײַהונדערט זעכציק —
טורעמס
אַט אַזוינע, —
שטעלט דער קלאַס,
וואָס בויט, —
טעג, טעג, טעג, —
דורכויס, —
קעגן סוינע:
דורכרײַס!

ווײַל אַלע טעג,
וואָס מײַן יאָר פאַרמאָגט,
זײַנען —
לעניג־טעג,
וואָס אין לעניג־שטורעם, —
אין מיליאָנען־וויכער, —
זײַנען זיי
געפּורעמט!
זײַנען זיי
געזיכערט!

דעם פּריפּסט

פּאַטערל!
שוואַכער זײַנען
דײַנע
געפּטיקע שטאַפּן;
און דײַן שאַרף געווער
איז טעמפּער
פון פינפיאָרנדיקע פּלאַנען.
דאָך, פּאַטערל,
זײַ מיר מוחל,
אויב מיר האָבן
דיר געענטפערט
מיט אײַנוּנפוּפציק
נײַע אעראָפּלאַנען.

מיר זײַנען
בויערס פרידלעכע,
פּאַטערל,
אָבער —
ווען דו פּאַכטעט
מיט צײלעם
און מיט וואָפן —
איז יעדער בויער אונדזערער
א קריגסמאַן,
און א קעמפער!
קאָנסט אין ענגלאַנד
בא די מײַסטערס
פרעגן,
און אין פוילן —
בא די פאַנעס, —
ווען פון מײַרעוו

און ביז צאָפן,
האָבן מיר
געקרעמפּעוועט
אַפּ אַלע וועגן —
די ווײַסע קאַפּיטאַנען!

כ'וועל דיר, פּאָטערל,
ניט לייקענען, ניט לייקענען:
האָסט נאָך
פיל טאַלמידימלעך,
און ניט נאָר
פון קאַטרילן;
דער ראַבי הערץ
פון לאָנדאָן —
הערט ניט אויף
צו מייקענען
מיט העצע;
גאַז און קוילן!
און ס'רעוועט אויך
דאָס רעבעלע
פון ניו־יאָרק
און פון פוילן;
און אויך
בא אונדז,
אין ראַטנלאַנד,
האָסטו נאָך
פול אייגענע,
וואָס וואַרטן אַפּ א „נײַעם יאָר"
און אַפּ א „נײַעם מוילעד"!

אָט דעריבער טאַקע,
פּאָטערל,
שרײַב איך דיר

דאָס בריוול!
עס גייט צו א ראָשעשאָנע שוין
און דער הימל
הארבסטיק ווערט,
און דאָס ווינטל —
טריבער;
געלע בלעטער
הויפענע
בא דעם רעבנס שטיבל...
און ווען דו וועסט
דיין ווירעכ,
פאָטערל,
אין גאַנג גיפּטיקע
פארוואנדלען —
זאָלסטו דאן
אפ יידישע
באלעגופימ
ספעקוליאנטן —
ניט האָבן
קיין פאריבל:
זיי וועלן ראָשעשאָנע
אין קלויז אריין
א שפאן טאָן
בעטן גאָט
בעציבער,
אז די באָלשעוויקעס
זאָל ער
א נעמ מאָן
אפן צימבל!..

ביסט ניט עלנט,
פאָטערל!

ס'איז קיינער
איצט ניט עלנט!
ס'האָט די וועלט
צעשפּאַלטן זיך
אַף לאַגערס,
אַף צוויי לאַגערס:
אין איינעם —
דו,
און דער מאַגנאַט,
און — אײַער דינער
אינעם געלן קאָלפּעק
פון פּראַט;
און מיליאָנען —
אינעם צווייטן לאַגער!
און מיר ווייסן:
ראָשעשאָנע
און יאָמקיפּער וועלן
„גוטע יידן"
גראַגערן אין שויפער...
נאָר מיר ווייסן אויך,
אַז דער שויפער,
עפּעס מערער איז
פון אַ פּראָסטן גראַגער!
ס'איז דער האָרן
פונעם סוינע,
דער פּאַראָל־טרומייטער,
דער שויפערדיקער
שיפער:
— „טעקיאָ!
היי, טעקיאָ, באַלעגופים"! —
פּעסטער הייסט עס, קעמפן
קעגן אַרבעט קאָלעקטיווער!

— „טעריאָ!
היי, טעריאָ!
און געווער? —
עס וועט זיך שוין
געפינען ווער —
וואָס ליפערט!..״

מיר ווייסן,
פּאַטערל,
און מיר שטייען גרייט
בא פעסטונגען פון —
ציפער!

און אויב געווער
פארלאנגסטו,
פּאַטערל, —
איז זאָלסטו דאן מיר מויכל זײַן,
אויב איך וועל
דערמאָנען דיך
אַן פערעקזאַמער אויסגוט
דעם סיוואש!..
דערמאָנען דיך
אַן די וועגן קיעווער!..

איצטער —
פּאַטערל,
זײַנען וועגן
ברייטער נאָך געוואָרן,
און די טײַכן —
טיפער נאָך
און טיפער! — — — —

מיר דאַרפֿן דעם הימל!

מיר האָבן
א הימל —
א ברייטן אזא מין;
מיר דארפֿן אים האָבן!
מיר דארפֿן אים נייטיק —
פֿאר דיריזשאבלען,
און עראָפּלאַנען,
פֿאר זילבערנע עכאָס,
וואָס קייקלען זיך שרויטיק
פֿון קינדערשע מײַלער!

מיר דארפֿן
דעם הימל —
פֿאַר פֿײַס
איבער מײַלן,
פֿון שיפֿן
אָפּ יאַמען!

מיר האָבן
אַ הימל —
אַ ברייטן, אַזאַ מין,
אַ הויכן!

מיר דארפֿן אים האָבן!
מיר דארפֿן אים נויטיק!
פֿאַר טעג ווי די ריזן,
צעוואַקסענע
בוי־טעג,
אין דאַמפּ
און אין רויכן!

מיר דארפֿן אים האָבן!
מיר דארפֿן אים נויטיק, —
פֿאַר ראַדיאָ־טורעמס,
פֿאַר שפּיזן
פֿון מאַסטבוימס!

מיר דארפֿן דעם הימל,
און נעמען זײַן בלאַסבלוי —
און מאַכן אים קויטיק
מיט רויך
פֿון זאַוואָדן,

און דאמפּ
פון די קראַנען,
מיט פּארע
פון טראַקטערס,
און דעכ
פון די באַנען
אָפּ אײַזערנע
טראַקטן!

ס'איז אונדזערער הימל,
ס'איז אונדזער דער אויבן!
אַזוי־ווי ס'איז אונדזערע
ערד און דאָס וואַסער!
מיר וועלן ניט קיינעם
דערלויבן צו שענדן
מיט גאָט און מיט טײַוול,
מיט שיידים און שימל —
דעם זוניקן הימל!

דעם זוניקן הימל,
פאַרויכערט,
פאַרשאָטנט
מיט אָטעם,
מיט אָטעם,
מיט מעכטיקן אָטעם
פון אַרבעטער־מאַסן!

ס'איז אונדזער דער הימל,
ס'איז אונדזער דער אויבן!
אַזוי־ווי ס'איז אונדזערע
ערד און דאָס וואַסער!

אין אכצנטן מאַרט

איך זאָג:
— וואָס דאַרפֿן
די אָרעמע ניו־יאָרקער
טאָן —
אקעגן די גראַטעס
פֿון טורמע סינג־סינג?

וואָס דאַרפֿן
די אָרעמע ניו־יאָרקער
טאָן —
ווען יעדן אָוונט,
מאָרגן,
טאָג,
זעען זיי הענגען
אַפֿ שטאַנגען־געפֿלעכט,
שטיקער קאַמף,
שטיקער געפֿעכט,
פֿאַסמעס לעבן—
צעפֿלאַטערט,
ווי שפּיצן פּלאַקאַטן,
ווי פֿריש־צעקלעפּטע

רויטע וואנט־צעטלען,
צעפּליקטע פון שטורעמס!

וואָס דאַרפן
די אָרעמע ניו־יאָרקער
טאָן —
אַז טויזנטערס לעבנס
פון סאַקאָס, וואַנצעטיס,
הענגען
ווי סטענגעס
העט־אויבנאָן,
צעפּלאַטערט
אַף גראַטעס
פון טורמעס!

דער אַכצנטער מאַרט
זיין זאָל — דאַטע
פון ענטפער!
ענטפערן זאָלן
אַלזשירער סאָלדאַטן,
פאַרוואָס —
זיי קעמפן?

אין אַכצנטן מאַרט —
לאָזן
ענטפערן די מאַרסעלער מאַטראָסן!
ענטפערן זאָלן
די אַרבעטער, פּויערים,
וואָס קומען צו גיין
אין די וואַרשעווער טויערן —
וואָגלען
אָן טאָגלויגן!

ענטפערט!
ענטפערט!
וואָס דארף מען טאָן
פאר בלוט פון קעמפער!
ווען פלאכטיעס, פלאכטיעס
גליווער־בלוט
אף יעדער
קאלטער
גראטע־רוט
פון טורמע סאנטע!

איך זינג,
איך רוף!
— וואָס דארף מען טאָן
פאר אפריקאנער,
וואָס שטרעקן אויס
דעם שווארצן גוף
צו שטארבן
אין דער קאמער
פון מוסיע!

וואָס דארף מען טאָן
פאר קאָפ געקעפטן,
וואָס ליגט אין שמייכלט
ווי א שארבן
פון א טויטן הונט
פארשלעפטער
אין בוריאן!

צו בריאַן
וואָס דארף מען טאָן —
צו פואנקארע!

אז יעדער בריק
דריקט;
גאס טוליעט
צו צום הארצן
שווארץ
בלוט!

וואָס דארף מען טאָן
דער באסטיליע
פון טארדיע
און לעאָ בלום!
אז דער ווייסער גאסט
הוליעט;
לעצטער
לעצ—טיער—
מילער,—
מאכט פריילעך
דעם פאריזשער פרעזידענט,
דעם אמסטערדאמער אינטערווענט
און דעם בוקארעשטער מיילעך!

וואָס דארף מען טאָן
דעם ווייסן גאסט,
וואָס גרייט אָן טליעס
פאר דאָנבאס,
גראטעס—
פאר די ראטן!

איך זינג!
איך רוף!
ענטפערט, ברידער, איר דערוף!
איר —

וואָס אינעם שווארצן קארצער,
ניט מיט אויגן —
איז מיט הארצן,
איז מיט בלוט,—
אויב ניט מיט אפּלען, —
זעט איר נאָענט,
זעט איר העל,
וויאזוי מײַן פּאָטערלאנד,
וויאזוי אײַער פּאָטערלאנד,
שטײַגט פון דרײַצן,
שטײַגט פון שטאפּלען,
אפ דער פּערצנטער —
אפ דער שוועל!

רומעניע!
וואָס דארף, וואָס דארף
דײַן אָרעם דאָרף טאָן
צו די טורמעס פון דאָפטאַנו!
דײַטשלאנד!
וואָס דארפן די ברידער
פון קארלען און ראָזען —
די האמבורגער שלאנקע מאטראָסן—
צערהײבלען טאָן —
דעם טורמע־געגנאָסע!

עס ענטפערן,
עס ענטפערן!
די בערגער פון אועלס,
און קוליס
פון כינע, —
אן ענטפער!

עס פאָכנ אײַנגלופטנ
מיט הילצערנע קוליעס
צעקריפלטע קעמפער
פונ שלאַכטנ —
אפ גאסנ!

עס רעװענ
צעפראַלענע מײַלער,
צעשטורעמט
אינ פענצטער
פונ טורעמס!

עס ענטפערנ מאטנ!
עס ברויזנ מיליאָנענ!
עס װיכערנ
רויטע פלאַקאַטנ אונ פאָנענ!
עס װיגנ זיכ
כװאַליעס מיט שוימיקע קאמענ,
אפ גאסנ פאָרפלייצטע
מיט מענטשנ,
װי יאמענ:

— מיר שװערנ
אינ טאָג
פונ אכצנטנ מאַרט,
אז גרויזאַמ
װעט זײַנ
די האַנט,
אונ האַרט
דערהויבענער פויסט
אפ נאַקנ

פונ רײַכנ
בלויבלוטיקנ פעטער!
אפ קאָפ
פונ זײַנ קעסטקינד —
דעמ געלנ,
פארעטער!..
אונ שווער
וועט זײַנ
דערהויבענער פויסט —
אפ קארק
פונעמ פויפסט!

מיר שווערנ
אינ טאָג
פונ אכצנטנ מארט,
אז נעמענ
מיר וועלנ
אפ שפיצנ
פונ שפיזנ
יעדנ איינעמ,
וואָס שיקנ אונדז וועט
אקעגנ דעמ לאנד
פונ סאָציאליזמ!

אינ אכצנטנ מארט —
זאָל גרוילנ
דער רופ:
— אופ!
אונ ארויס!
אפ גאסנ פארפלייצטע
מיט שוימיקנ קאמ! —
— קאמפ!

הונגער־מאַרש

אונטער בײמער —
שפּײַטערס.
האָלאָװעשקעס —
טליִען.
און פאַרקוילטע נעגערס
הענגען
אױף די טליִעס.

געשוואָלענע
געדראָלענע,
דערוואַרגטע און צענערעקטע —
*נעגערס —
אַף די ביימער,
נעגערס —
פון אַמעריקע.

*

מאַרש.
מאַסן.
ראַשיק.
פאָנען.

אַף די גאַסן
וואַשינגטאָנער —
שוואַרצע,
ווײַסע,
האַנט־בײַ־האַנט.

אויגן.
ווײַסלען —
בראַנד!

בײַ די זײַטן —
רײַטער רײַטן.
שפּאָרן.
טרערן־באָמבעס.
ביקס.

און אַף גאָרן —
פּעטע גאָמבעס.
גוידערס.
ציין —
פון קרומן פּיסק.

אַף די גאַסן —
שוידערט.
— מאַרש.
מאַסן.
פויסטן.
צונגען.
צאָרן.
ס'איז דער מאַרש פון הונגער!

היי, הווער!—
ס'איז דער מאַרש פון הונגער!

היי, וויסטע
סאָציאַלפאַשיסטן!
אַף אייַער פּאָנעם —
בלוט פון טויזנטער
כאָרכלענדיקע לונגען!

היי, סאָנים! —
ברויזן איצטער,
ברויזן איצטער,
גאַסן —
אינעם הונגער!

*

הינטער רייַכע שטאָרן,
אַף זייַדענע געלעגערס

קרומען זיך
די באַמבעס,
אין ביטערע האַוויַיעס:
— נעגערס! — ווײ די יאָרן!
פֿון פֿלאָרידע — נעגערס!
נעגערס — פֿון אַ אָהײַאָ!
— ווו איז
טרערן־באַמבעס!..
סאַקראַמענטאָ! — שיסן!

שיסט מען.

נעזער דורכשטאָכן:
— האַ? — שיסט מען?

טאַ —
שיסטן!

— יאָ — כײַבײַ...
מע שיסט שוין!
קאָנסט שוין געבן פֿרישטיק:
מיט אַ פּוטערדיקן זעמל,
מיט אַ פּערטל אינדיק,
מיט אַ שטיקל לעמל.

— האָסט געהערט אַן אױעס!
וואַשינגטאָנער גאַסן
מיט נעגער־מאַרשן
שעודעט מען!
פּפּפּפּי!

ווי מיִעס איז!

עס פרישטיקט שוין
דער דזשענטלמען,
און ס׳פרישטיקט שוין
די מיסיס.

*

— ברויט! ברויט!..

פרעגלען זיך אף שײַטערס —
פיס מיט שווארצער הויט.

— יויך! יויך!..

שטעקט דאָס ווײַסע מעסער —
אינעם שווארצן בויך.

— לינדז! לינדז! —

לינטש.

*

פון נעגערשן בלוט
בליִען אוף —
פלאנטאציעס,
פון נעגערשן שווייס
זעטיקן זיך —
בייטן.

רײַסן נעגערס קײטן,
אנטלױפֿן פֿון פּלאנטאציעס.

יאָגן נאָך די יעגערס, —
און א שײַטער גליט.

אף צװײַגן
פֿון אקאַציע
הױדעט זיך
א נעגער,
און אין שײַטער פֿאלן
קרענצעלעך מיט צװיט.

אין זײַדענע געלעגערס
פֿרישטיקט שױן
די מיסיס —
א רױטע
װי א צװיק.

*

הײ, הױװער!
עס װעלן שױן ניט העלפֿן
דײַנע טרערן־גאזן!
ס'איז דער מארש פֿון הונגער, —
נעגערס אף די גאסן!

הײ, בלום און טאָמאס!
אָפֿן שױן דער טהאָם איז,
געגראָבן פֿון מיליאָנען!

איר וועט זיך שוין
ניט ראַטעווען!
איר וועט זיך שוין
ניט קאָנען!

דער צאָרן־מאַרש
פון הונגער, —
און פליצט
פון יעדן וועג ער!
דער דײַטש,
דער טשעך,
דער אונגאַר,
דער ווײַסער
און דער נעגער!

און מער שוין ניט
עס וואַנדערט ווילד
קיין הונגעריקע מענגע! —
פאַרייניקט —
אונטער לעגינס פאָן —
מיליאָניקע שערענגעס!

— קאַוטסקי!
— היי, וואַנדערוועלד!
טרעגערס פון
געווערן!
ס'וועט שוין זײַן
אַן אַנדער וועלט!
אַן אַנדער וועלט! —
א וועלט —
פון עס־עס־ערן!

א בריוו פונ פוילנ

באקומענ דײַנ בריוול
ליבער פרײַנט.
פרעגסט,
וואָס מע מאכט? —
זינט אָנ ארבעט
ווערנ וועט הײַנט —
כאדאָשימ אכט!

כ'וווינ אינ א קעלער,
מיט ווײַב

און מיט קינד,
און כ׳הונגער —
מיט זיי.
דאָס ווײַב —
שפּײַט מיט בלוט,
די טאָכטער —
בלינד
פון נאַכטיק געניי.

צענדליקער טויזנטער
גייען מיר אום
אָן ארבעט,
אָן ברויט.
די ביקסן —
פּילסודסקיס —
באַפעלן אונדז:
שטום!
און עס באַוואָרגט
פּע־פּע־עס
אונדז מיט —
טויט!

איך בין שוין אַלט.
מײַן זון —
איז נאָך יונג,
מײַן זון —
איז געוואַגט!
קאַמף!
שטרײַק!
א פלאַמיקע צונג...
און —
פּאַוויאַק!

געוועזן מײַן זון
א מיטגליד
פֿון „בּונד";
בּיז איינמאָל
א טאָג,
ער זאָגט מיר אזוי:
— טאטע!
דער „בּונד"...
דער „בּונד" איז א הונט,
א הונט א געטרײַער
דעם פּאן,
דעם בּורזשוי!

ערשטער מײַ.
געשלעג.
עסקאדראָן
מיט פּאָליציי.
מײַן זון
איז געגאנגען
אונטער דער פֿאָן
פֿון לענינס פּארטיי,

איצט —
פּאוויאק.
די טאָכטער —
איז בּלינד.
דאָס ווײַב —
שפּײַט מיט בּלוט.
און איך —
אָן ארבּעט!
פֿון סטעליע —
רינט,

מיט גויט,
מיט ברוד.

ס'איז ביטער,
מײַן פרײַנט,
ס'איז ביטער
און שווער,
און ענג איז,
און שוואַרץ!
נאָר דאָך...
אַז כ'דערמאַן מיך
אָן ערשטן מײַ —
פרייט זיך
דאָס האַרץ!

איך בין שוין אַלט...
מײַן זון!
מײַן זון!
ס'איז נאָענט
די שאָ!
אַזעלכע זין,
אַזעלכע זין, —
מיליאָנען
דאָ!

נו, בלײַב מיר געזונט...
געדענק:
איך וואַרט —
אַ בריוול פון דיר!
און שרײַב מיר אַרויס,

ווי פילט איר אויס,
ווי פילט איר אויס
דעם פינפ אין פיר.

אינדיע, סאליוט!

מײַ.
איבער ווײַטע מײַלן,
מײַ־ליד, מײַ־ליד,
טראָג זיך פרײַ!
הערט, דערפער,
הערט!

שטעט,
שטייט!
הערט!

כ׳הייב דאָס מײַ־ליד אָן —
פֿון אינדיע!

סאַליוט, אינדיע, סאַליוט!
פֿון דרײַהונדערט מיליאָן —
שאַרכט
בלוט!

אין די אינדיע־שטעט,
אין די אינדיע־דערפֿער —
דרײַהונדערט מיליאָן
קערפּערס!

א פּאָר טויזנטער באַצווינגער,
פֿרעמדע —
מיט דימענטן
אױף פֿינגער,
אין געפּרעסטע העמדער,
אין מאַנזשעטן
און אין פֿראַקן.

א פּאָר מיליאָן —
אייגענע
קולאַקן.
גוטן ווײַן —
פֿון טורעמ־לאָגלען;
הערצער, לונגען —
מיטעקן געשמאַקע;
און הונדערטער מיליאָנען

הונגערנ און וואָגלענ,
ארבעטנ בא סאָנים,
פאר א גראָשנ־טאָגלוינ.
און אונטער
קוילנ־האָגלענ —
שטארבנ זיי,
צוגעדעקט
מיט רויטע פאָנענ...
אינדיע, סאַליוט!

אינ די אינדיע־שטעט,
אינ די אינדיע־דערפער —
הינט, די הינט, די לאָרדישע,
שטשירנ
ציינערדיקע פיסקעס,
בא די קעלישעקלעכ
מיט וויסקי
און פרעגנ:
צי מע מאָרדעט שוינ
די זעקס און דרייסיק —
פונ מירוט.

הינט, די הינט, די לאָרדישע,
טרינקענ —
קעלישעקלעכ
מיט בלוט...
אינדיע, סאַליוט!

גאנדי!
אינ די קליידער
זויבערע
און ווייסע —

ביסט די ווײַסע
גרויסע שאנדע, —
גאנדי!

קליידער ווײַסע
ווײַזן
רויטער נאָך
די פלעקן בלוט —
פון די זעקס און דרײַסיק —
פון מירוט.

די ארבעטער —
פון דזשאמשעדפורער אײַזן
און בעטאָן,
פון דזשאלאלפורער זאלץ,
פון קאלקוטער דימענטשטיק —
ווייסן גוט:
אין די קליידער
דײַנע,
ווײַסע, —
שטריקסטו־שטריקסט
טליעס
אף זייער האלדז, —
גאנדי,
אינדישער גאפאָן!

מײַ.
אין אונדזערע קאָלווירטן
פוקט זיך שוין
די רויז.

און די הירטנ
האָבנ הײַנט
פונ פרישנ גראָז
אויסגעפלאָכטנ
סערפ און האמער
אפ דער טיר
פונ שטאל
און קאמער
און אפ טויער
פונ קאָלכאָז.

רײַטער, רײַטער, רײַטער
פאָרנ —
קעגנ מײַ־טעג,
מיט לידער אפ דער ליפ
און מיט ציפערנ
אינ האנט.

און פאבריק,
זאוואָד,
שטאָט,
גאנצ לאנד —
זינגט דאָס ליד
פונ נאָכ א בריק,
נאָכ א וואנט,
נאָכ א דיזעל,
נאָכ א קוימענ —
אינ די רוימענ
אופגעריזלט
פונ א שטאָלענעמ גיגאנט.

ריזן, ריזן —
אויסגעוואקסן אינעם מיי.
מיי, דו מיינער, אונדזערער,
מיי פון סאָציאַליזם!
מיי, דו מיינער, אונדזערער,
מיי פון פינפיאָר!
פרייד, דו מיינע — גרויס!
עס פיקט זיך שוין
די רויז,
איבער אַל,
און איבער גאָר! —
אינדיע, סאַלוט!

מיי.
און דו, גאַנדי,
אינדישער גאַפּאָן, —
אָנגעבויגן.
פאַרן טראָן,
ליגסטו, גאַנדי,
און די קעניגלעכע באַנדע
שפּייט דיר אָן, —
פאַר דיין פאָלק דיר,
גאַנדי!
פאַר דיין לאַנד דיר,
גאַנדי! —
דינער פון געאָרג!

מיי.
און אין דיינע בלאָטעס —
פּוקט דער ווייסער לאָטאָס, —
גאַנדי,
ווי די ווייסע זאָרג.

קעגן סערבּ און האמער,
קעגן הונגעריקע מאמעס,
קעגן שטאָל און אײַזן
קעגן צאָרן,
שטרײַק
און גראָ —
גײַסטער קעמפן, גאנדי,
מיטן לאָטאָס װײַסן...
אומעטום דו בּיסט
מיט דײַן צאָרן
דאָ!

מײַן.
הײַנט גײט די װעלט
ארױס אין רײ,
פון מאָסקװע בּיז בּערלין,
בּיז ניו־יאָרק, בּיז פּעקין,
בּיז באָמבּײ.

עס װעט שױן זײַן —
א קאמף!
עס װעט שױן זײַן —
געשלעג!
עס װעט שױן זײַן —
בּלוט!

און די אײַנגעדרײטע
אינעם קראמפּ,
אונטער רוט,
װי קורײַ,
אינעם מיטן װעג —
װעלן אופשטײן,

וועלן אויפשטיין,
וועלן אויפשטיין גרייט —
אין די אינדיע־שטעט,
אין די אינדיע־דערפער —
דרײַהונדערט מיליאָן
צאָרנדיקע קעמפער!

זײַט געגריסט,
באָמבייער און קאַלקוטער!
זײַט געגריסט,
זעקס און דרײַסיק
העלדישע
מיַרוטער!

מײַ.
איבער ווײַטע מײַלן —
מײַ־ליד. מײַ־ליד.
טראָג זיך פרײַ!

הינט, די הינט, די טראַנישע
שטשירן מײַלער:
בלוט.
נאָר מיליאָנען
קאָנען שוין
גאנדיס ווײַסן מוט.
און עס שטראָמען
פאָנען שוין
מיט אונדזער מײַ און גלוט!

אינדיע, ערשטמײַיקע, —
אין דײַן פרײַהײַט־קאמף —
כאַליוט!

אינהאלט

זייַט

1. לידער, וואָס מיר זינגענ 4
2. ניטאָ אזא פעסטונג. 6
3. עס פעלנ צוויי מיליאָנ פאָר הענט: 18
4. דאָס „דריטע“. 23
5. ס'איז דער טאָג. 26
6. דרייַצנ! . . . . 31.
. דאָס ליד פונ יונגנ טאָקער. . . . . 39.
8. ראפּאָרט פונ עלעקטראָזאוואָד. . . . . 45.
9. אינ דאָרפ. 56
10. אכטער מארט. 72
11. אפנ טראקטערבוי. . . . . 75.
12. פּאָרטרעטנ. 81
13. דאָס ליד פונ וואנזיווי דעמ טונגוס. . . . . 85.
14. די באלאדע פונ א בילד. . . . . 92.
15. לענינ־טעג. 96
16. דעמ פויפסט. 98
17. מיר דארפנ דעמ הימל! 103
18. אינ אכצנטנ מאַרט. 106
19. הונגער־מארש. 113
20. א בריוו פונ פוילנ. 120
21. אינדיע, סאליוט! 124